STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09315

BRODER ZINGER

Shlomo Pryzament

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

SHLOMO PRYZAMENT

LOS CANTORES DE BRODY

(BRODER-ZYNGIER)

*

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1960

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 151

Copyright by
SALOMON PRYZAMENT, Buenos Aires

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir en el mes de marzo de 1960, en Tall. Gráf. Julio Kaufman, S.R.L., Corrientes 1976, B. Aires - Argentina

שלמה פּריזאַמענט

בראָדער־זינגער

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

151

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

שלמה פריזאַמענט

בראָדער זינגער

מיט איינלייטונגס-ווערטער פון:

זלמן הירשפעלד און זיגמונט טורקאָוו

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1960 — תש״ך

דאָס בוך ווידמע איך
מיין לעבנס־באַגלייטערן
אין לייד און אין פרייד
גיזי היידן

פאַר די פעלדער זינגען פייגל,
די גרילן — פאַרן קאָרן,
און פאַר די ייִדן זינגען מיר —
די „בראָדער זינגער״.

(איציק מאַנגער)

אינהאַלט

זלמן הירשפעלד: במקום אַ פאַרשפּיל — — — — — — — — — — — 11
זיגמונט טורקאָוו: די „בראָדער־זינגער אין דעם מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער — — — — — — — — — — — — — — — — — 17
שלמה פּריזאַמענט: * * * — — — — — — — — — — — — — — — 35

די וועלט איז דיין עמוד

ייִדישע נגינה — — — — — — — — — — — — — — 43
ברוך הבא — — — — — — — — — — — — — — — 45
דער בדחן — — — — — — — — — — — — — — — 47
בין איך מיר אַ קלעזמערל — — — — — — — — — — 49
ווען דו לאַכסט, לאַכן אַלע מיט — — — — — — — — — 51
אַ קאַמף איז דאָס לעבן — — — — — — — — — — — 54
שלום בית — — — — — — — — — — — — — — — 56
איציק וואַסערטרעגער — — — — — — — — — — — — 58

אגיל ואשמח — לעבעדיק און לוסטיק

אגיל ואשמח — — — — — — — — — — — — — — 63
שוסטער און שניידער — — — — — — — — — — — — 66
איציקל האָט חתונה געהאַט — — — — — — — — — — 69
מלך און מלכה — — — — — — — — — — — — — — 72

אשת חיל — שבת־לידער

אשת חיל — — — — — — — — — — — — — — — 77
שלום עליכם, גוט שבת — — — — — — — — — — — 79
מנוחה ושמחה — — — — — — — — — — — — — — 81

דעם זיידנס זמירות — 83
שבת נאָכן קוגל — 86
ויתן לך — 88
נאָך הבדלה — 91

משיחן אַנטקעגן — חסידישע לידער

משיחן אַנטקעגן — 97
חסידימלעך — 100
דער פריילעכער חסיד — 103
אַ פּראָסטע שאלה — 105
דער אַרענדאַר און זיין זון — 107
די אַפּיקורסים — 110
פון איין מחזורל — 113
די אָפּגענאַרטע וועלט — 116
וויַן, דו טריפה וויַן — 119
מעגן די מתנגדים לאַכן — 121

שמחות ביי ייִדן

די אָרעמע חתונה — 125
יחוס און געלט — 127
וועמען זאָל מען נעמען — 129
דער שדכן און די מויד — 132

זיפצן און טרערן

וויין נישט חנהלע — 137
אויס שידוך — 139
פּאַלגט נישט קיינעם מיידעלעך — 141
זייט מיר געזונט, חברטעס — 143
אַ ביסל צו שפּעט — 146

אָרעם און פריילעך

די באַלעבאָסטע — 151
גאָדל דער משרת — 155

דעם אָרימאַנס מזל — 157
אַ זעלנער ביי פּראָ:ם יאָסל — 159

נ ע ו נ ד

דער וואַנדערער — 163
ציגיינער־ליד — 165
דער גנבֿ — 167
דער שיכור — 169
די מויד פֿון גאַס — 171

אַלט און יונג

מיטן טאַטן אויפֿן יאַריד — 177
די באָבע מיטן אייניקל — 180
יוגנט־זכרונות — 182

הונדערט יאָר שלום עליכם

וואַקסט אַ בוים — 187
סטייטש, היתכן? — 198

מ אָ נ אָ ל אָ ג ן

בעלמער מעשהלעך — 193
ייִדן ריידן, ייִדן זינגען — 198
בערקע חתן — 205
אַ ייִדישע טאָכטער — 211
מ׳נאַרט זיך און יענעם — 215
קאָרטן־משוגעת — 220

במקום אַ פֿאָרשפּיל

ש ל מ ה פּ ר י ז אַ מ ע נ ט — דער פֿאָלקסטימלעכער מחבר פֿון מוסר־השכלדיקן לידל, פֿון בדחניש־טעאַטערמעסיקן גראַם, און פֿון סאַטיריש־לייכט צוגעפּעפּערטן פּזמון — אַליין דער פֿאַרפֿאַסער פֿונעם טעקסט, אַליין דער באַשאַפֿער פֿון דער זינגעדיקער מעלאָדיע, קען מיט רעכט אָנגערופֿן ווערן דער אויטענטישער יורש פֿון די „בראָדער זינגער", דער עכטער שפּראָצלינג פֿונעם גזע: בערל בראָדער, אפרים בראָדער, וועלוול זבאַראַזשער, אליקום צונזער און פֿון אַ גרויסער פּלעיאַדע אַנאָנימע פֿאָלקסדיכטער, וועמענס גראַמען און פּזמונות עס האָבן פֿאַרווײלט דורות ייִדישע פֿאָלקסמענטשן סיי אין קרעטשמעס, ווינקעלערס, צי אכסניהס, סיי מיט יאָרן שפּעטער אויף די ערשטע וואַקלדיקע, אימפּראָוויזירטע בינע־ברעטלעך — דער אָנזאָג פֿון אַ לעגיטימען ייִדישן טעאַטער.

שלמה פּריזאַמענטס נוסח איז געטריי דער טראַדיציע פֿון די בראָדער־זינגער־מחברים. ער האָט דעם נוסח אין בלוט: איז דאָך ש. פּריזאַמענט, אַ געבוירענער און דערצויגענער אין מזרח־גאַליציע, פֿון וואַנען עס זענען אַרויסגעוואַקסן די „בראָדער־זינגער" — די פֿריילעך־צעזונגענע קאַליאַסטרע — די פֿאָרלויפֿער און אָנזאָגער פֿון דעם אָנקומענדיקן ייִדישן טעאַטער. איז דאָך ש. פּריזאַמענט אַ זון פֿון דעם באַרימטן אין דער ייִדישער וועלט ר' משהלע היבנעווער, דעם חסידיש־לומדישן בדחן, דעם באַזינגער פֿון רבייִשע, גוטייִדי־שע יחסנישע חתונות.

האָט ער דאָך אַוודאי פֿון די יוגנטלעכע יאָרן אָן איינגעזאַפּט אין געמיט דעם טאַטנס לייכטע, שפּילעוודיקע גראַמען, תורה־גלייכ־ווערטלעך, פּשטלעך, איינגעפּאַסט אין האַרציקער ייִדישער נגינה,

וואָס גלעט דעם אויער און פאַרשאַפט לייטזעליקן פאַרגעניגן, וואָס רופט אַרויס אַ טרער פון די אויגן באַווירצט מיט די בשמים פון געשמאַקן געלעכטער.

איז דאָך ש. פּריזאַמענט כל ימיו, פון 16 יאָר אָן, געקניפּט און געבונדן, ממש פאַרקנסט מיט טויזנטער פעדעם מיטן יידישן טעאַטער, מחבר פון פּיעסן, פאַרפאַסער פון לידער, דועטן און קופּלעטן, קאָמפּאָזיטאָר און דיריזשאָר און טאָמער איז אייך ווייניק — אַליין אַ יידישער אַקטיאָר, אַליין דער אינטערפּרעטאַטאָר פון זיינע אייגענע געשאַפענע פאָלקס־מאָטיוון.

וויפל צענדליקער לידער זיינע ווערן געזונגען ביי קאָנצערטן, צי אויף דער בינע פון יידישן טעאַטער און קיינער ווייסט אפילו נישט, ווער זייער מחבר איז. און ער אַליין, ש. פּריזאַמענט, זיצט אָפּט דערביי צווישן פּובליקום און דערמאָנט זיך — דאָס איז דאָך מיין ליד, איך האָב דאָך עס אָנגעשריבן מיט פערציק יאָר צוריק אין לעמבערג, אין ווין, אין יאַס און ועל כולם איז ער דאָך אַזוי באַהעמיש, — בראָדערזינגעריש! פרעגט אים בחרם:

— שלמה, רעכנט מיר אויס אַלע אייערע לידער, קופּלעטן, דועטן, טערצעטן, וואָס איר האָט אָנגעשריבן?

— ווער געדענקט עס? — ענטפערט ער אייך אָפּ מיט אַ שמייכל, — וועמען ליגט עס גאָר אין קאָפּ צו געדענקען? אָנגעשריבן די פערזן, געמאַכט די מעלאָדיע, אַראַנזשירט, אָפּגעזונגען און אַראָפּ פון מאַרק...

צעזייט און צעשפּרייט זענען זיינע לידער איבער עסטראַדעס און בינעס און זאָל זיי ווויל באַקומען!

און ווי אַן עכטער באַהעם, אָן שום צערעמאָניעס און מינדעסטער פּאָזע און אָנשטעל, זיצט נאָך היינט שלמה פּריזאַמענט ביי אַ טישל אין דער קאַפע־קיבעצאַרניע; אַרום אים אַ הו־האַ, אַ גראַטשקע, ער זופּט אַ שוואַרצע קאַווע, פּיפּקעט אַ פּאַפּיראָסל נאָך אַ פּאַפּיראָסל און אויפן טיש אַ בייגעלע פאַרשריבן פּאַפּיר מיט גראַמען און פּענטאַגראַמען און באַלד ווערן זיינע לידער און ניגונים פאַרטיילט און צעשיקט צו אַקטיאָרן און זינגער סיי דאָ, סיי איבער

דער גאַרער וועלט. — און אָפּטמאָל בלייבט אים אַליין, דעם מחבר, אַפילו קיין קאָפּיע נישט פון זיינע שורות און נאָטן...

שווער צו פועלן ביי פריזאַמענטן ער זאָל ערגעץ ווו פאַר־עפנטלעכן, אָפּדרוקן זיינס אַ לידל.

— ווער דאַרף עס? מיין חבר נחום שטערנהיים הי״ד האָט עפּעס אַ סך איבערגעלאָזט פון זיינע הונדערטער לידער? וויפל ייִדן ווייסן, אַז דאָס האַרציקע פאָלקסליד:

ווער עס איז נישט געוועזן
און ווער עס האָט נישט געזען —
טייער מלכהל׳ע...
הייבט זי אויף די ברעמען,
מעג די זון זיך שעמען,
הייבט זי אויף די אויגן —
שטייט אַ וועלט געבויגן — — — —

איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם קדוש פון ריישער געטאָ, מיין ליבן חבר נחום שטערנהיים?

— און אַז די וועלט, מ׳שטיינס געזאָגט, וועט ווייסן, אַז אני הקטן בין דער „מחבל״ פון דעם „ווערק״ — נו, איז וואָס?

אַזוי, מיט זעלבן נוסח, האָבן מסתמא די אַנאָנימע פאַרפאַסער פון די הונדערטער פאָלקסלידער מבטל געמאַכט זייערע אייגענע שאַפונגען.

אַזוי זענען זיי, די „בראָדער־זינגער״.

אַזוי איז שלמה פריזאַמענט.

און דאָך האָבן נאָענטע חברים אַזוי לאַנג אַריינגעטענהט אין שלמה פריזאַמענט און... פאַרט איז געלונגען אָפּצוראַטעווען אַביסל לידער פון זיינע פאַרגענגער, די אויטענטישע פאָלקס־מחברים פון די „בראָדער זינגער״, וועלכע האָבן שוין געהאַלטן ביים פאַרגעסן און פאַרשווינדן ווערן. שלמה פריזאַמענט האָט זיי אָפּגעהיטן אין זיין זכרון און זיי אַרומגעשלייפט, אָפּגעשטויבט און דערלאַנגט זיי אונדז ווי אַלטן גוטן וויין.

דערצו אַ קליינער טייל פון זיינע אייגענע שאַפונגען, די וועלכע

ער געדענקט, אָדער די וועלכע האָבן זיך ביי אים על פּי צופאַל פאַרוואַלגערט, — זיי גייען אויך אַריין בשכנות און צווישן די זעלבע טאָוולען פון אָט דעם בוך „בראָדער זינגער".

שלמה פּריזאַמענט איז געבוירן אין היבנעוו, אויף פּויליש „אונאַוו", אַ קליין גאַליציש שטעטל צווישן לעמבערג און בעלז, אין יאָר 1889. זיין פאָטער, דער באַרימטער לומדישער בדחן ר' משהלע היבנעווער, האָט אַליין געשטאַמט פון לוצק (וואָלין). זיין משפּחה האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין לעמבערג און שלמה האָט געלערנט אין חדר און אין דער ישיבה „עץ החיים", ווו זיין זיידע פון דער מאַמעס צד ר' חיים מאיר לאַקמאַן ז"ל, איז געווען ראש ישיבה. פון 16 יאָר אָן לערנט ער מוזיק ביים קאָרעפּעטיטאָר פון דער לעמבערגער אָפּערע ז. קאַפּלאַן. בעת דער ערשטער מלחמה ווערט ער פאַרווונדעט אויפן איטאַליענישן פראָנט. נאָך דער מלחמה לערנט ער האַרמאָניע און קאָנטראַפּונקט ביים פּראָפעסאָר וואָלפזאָן אין ווין.

צו 14 יאָר הייבט ער אָן שרייבן לידער, וועלכע ווערן פאַרעפנטלעכט אין יערלעכן קאַלענדאַר פון גרשום באַדער און אין לעמבערגער „טאַגעבלאַט" און ער פאַרפאַסט געזאַנגען פאַר די „בראָדער־זינגער", פאַר פעפי ליטמאַן, העלענאַ געשפּאַס און אַנדערע.

גרויס דערפאָלג מאַכט זיין ערשטער קופּלעט „לאָמיר ביידע דאַווענען פון איין מחזורל".

ער ווערט שוישפּילער און דיריזשאָר אין יידישן טעאַטער. שרייבט אָן די פּיעסע „דער גולם פון פּראָג" צוזאַמען מיט א. מייזלס, די לידער און מוזיק אַליין, דאַן טעקסט און מוזיק צו די אָפּערעטן „די בלומען קעניגין", „דאָס קלעזמערל", די „ציגיינערין" א. אַנד. אַ צייט פאַר דער ערשטער מלחמה אַרומגעוואַנדערט מיט ב. האַרטס טרופּע איבער גאַליציע און מיט מעלצערס טרופּע איבער רומעניע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געשאַפן אַ טרופּע אין טשעכאָסלאָוואַקיע צוזאַמען מיט מעסטל, פראַנצאָז, לעאָן דרייקורס. דאַן אין יאָר 1923 ווידער אין גאַליציע געשאַפן אַ טרופּע מיט הערש האַרט.

קיין וואַרשע ברענגט אים אַראָפּ דאָס קאַמינסקי־טעאַטער אין

יאָר 1928, ווו ער פירט אויף זיינע מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, שפּעטער אין „סקאַלאַ"־טעאַטער, ווו ער שאַפט צוזאַמען מיט יצחק נאָזשיק רעווי־טעקסטן און מוזיק צו די רעווי־פּראָגראַמען „דירה־געלט", „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין", „ווו נעמט מען אַ חתן", „דאָס רעדל דרייט זיך" א. אנד.

אין די יאָרן 1938־1939 פירט אויף זיגמונט טורקאָוו אין „וויקט" זיינע נייע באַאַרבעטונגען פון אברהם גאָלדפאַדנס „שולמית" און „בר כוכבא", לויט דער באַאַרבעטונג פון ישראל אַשענדאָרף, ווי אויך דעם נייעם סצעניש מאָנטאַזש „בראָדער־זינגער". צו די אַלע גראַנדיעזע אויפפירונגען שאַפט ש. פריזאַמענט אָריגינעלע מוזיק און באַאַרבעט גאָלדפאַדנס קלאַסישע מאָטיוון.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה שפּילט ער אין לעמבערגער מלוכה־טעאַטער, ווו ער שאַפט מוזיק צו פּרץ מאַרקישעס „מאָל־צייט", צו שלום עליכמס „טביה דער מילכיקער" און „יקנה"ז", צו גאָטלאָבערס „צוויי חופּות" און ביטשער סטאָוס „דעם אָנקל טאָמס שטיבעלע".

ער וואַנדערט מיט טרופּעס איבער גאַנץ רוסלאַנד, ער פאַרפאַסט מוזיק צו גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָלער" א. אַנד.

פון 1949 איז שלמה פריזאַמענט צוזאַמען מיט זיין פרוי און לעבנבאַגלייטערן — די שוישפּילערן גיזי היידן — אין אַרגענטינע. דאָ שאַפט ער מוזיק צו דוד ליכטס באַאַרבעטונג „די מויד פון לודמיר", צו יעקב בן־עמיס אויפפירונג פון יגאַל מאָסינזאָנס „בערבות הנגב", צו די רעוויס „נאָך הבדלה", „פּליאָטקעס" און די לידער מיט מוזיק צו דער רעווי „פון נעכטן ביז איבערמאָרגן", ועוד ידו פשוטה.

עס גייט כמעט נישט דורך קיין וואָך, אַז שלמה פריזאַמענט זאָל נישט אָנשרייבן אַ ניי לידל, אָדער דועט און אַקטיאָרן זינגען אומעטום זיינע לידער.

און וואָס דאַרף ער נאָך

זאָל אים ווויל באַקומען מיין ליבן חבר, דעם עכטן קינסטלער־באָהעם, דעם „בראָדער־זינגער" שלמה פריזאַמענט.

זלמן הירשפעלד.

די „בראָדער־זינגער״ אין דעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער *)

דער גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט אַז מיינע ערשטע טריט אינעם יידישן טעאַטער זאָלן געמאַכט ווערן אונטער דער מוטערלעכער השגחה פון אסתר רחל קאַמינסקי.

די דאָזיקע גרויסע קינסטלערין איז אויך געווען אַ מערווירדיק אינטערעסאַנטע און אינטעליגענטע דערציילערין. אירע שמועסן האָבן מיר געגעבן אַ קוואַל פון באַלערנדיקן מאַטעריאַל וועגן די חבלי־לידה פון דער מאָדערנער יידישער דראַמע, מיט וועלכע איך וועל מיך ביי יעדער געלעגנהייט טיילן מיט אייך.

ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז כדי צו קענען אונדזער טעאַטער־געשיכטע איז נייטיק אַ טעאַטער־מוזיי, וואָס זאָל קאָנצענטרירן אַלע פאַרבליבענע מאַטעריאַלן, קאַטאַלאָגירן זיי און סיסטעמאַטיש דערלערנען.

איך האָב אַלזאָ אומעטום, ווו מיינע טעאַטער־וועגן פלעגן מיך ברענגען, געזוכט און געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר אַזאַ קינפטיקן מוזיי. די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן טאַקע געדינט אַלס ערשטע עקספּאָנאַטן פאַרן טעאַטער־מוזיי אויפן נאָמען פון אסתר רחל קאַמינסקי, וועלכן איך האָב צוזאַמען מיט אידאַ קאַמינסקי געגרינדעט צו די שלושים פון אסתר רחל.

צום יאָרצייט, ד״ה אין יאָר 1926 איז ער איבערגעגאַנגען אין רשות פון ווילנער „ייווא״ און אַזוי אַרום זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־אינסטיטוציע.

אינעם דאָזיקן מוזיי האָט זיך אויך געפונען אַן אינטערעסאַנטע קאָ־

*) אַ קאַפּיטל פון בוך „שמועסן וועגן טעאַטער״, בוענאָס־איירעס, 1950.

לעקציע אויפנאַמעס פון געוועזענע בראָדער־זינגער, שפּעטערדיקע מיט־בויער פון גאָלדפאַדענס טעאַטער.

אסתר רחל איז אויך געווען די ערשטע מיר צו דערציילן וועגן די „בראָדער־זינגער", זייער רעפּערטואַר, פּראָפעסיאָנעלע עטיק און פילזייטיקייט פון זייער באַגאַבונג.

דאָס דאָזיקע ראָמאַנטישע בלעטל פון אונדזער טעאַטער־געשיכטע האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און ס'האָט געדויערט אייניקע יאָר, ביז מיר האָבן אין אַ טורנע איבער גאַליציע פאַרבלאָנדזשעט קיין בראָד. דאָ, אין זייער געבוירן־שטאָט, האָב איך געהאָפט ענדלעך צו באַקומען די אויספירלעכסטע אינפאָרמאַציעס וועגן די דאָזיקע זינגער. האָט זיך אָבער דאָס אַלטע שפּריכוואָרט: „נישטאָ קיין נביא אין אייגענעם לאַנד" — אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק . . .

— „ווער זענען דאָס? מיר קענען נישט אַזעלכע", — איז געווען דער ענטפער. מען האָט מיר ענדער געקענט דערציילן וועגן דער ראָלע, וואָס בראָד האָט געשפּילט אינעם קאָנטראַבאַנד צווישן צאַרישן רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן, ווי אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער...

אין 1938 יאָר, ווען דער „וויקט" האָט שוין געהאַט אין זיין רעפּערטואַר עטינגערן און גאָלדפאַדענען, איז אויך אויפגעשווומען דער געדאַנק אַרויפצוברענגען אויף דער בינע די פאָרקעמפער פון אונדזער מאָדערנעם טעאַטער, די „בראָדער־זינגער".

דער דיכטער ישראל אַשענדאָרף און דער מוזיקער שלמה פּריזאַמענט האָבן געשאַפן טעקסט און מוזיק פאַר אַ 3־אַקטיקער מוזיקאַלישער קאָמעדיע אונטערן נאָמען „די בראָדער־זינגער", וועלכע איז טאַקע אינעם זעלבן יאָר אויפגעפירט געוואָרן אין לעמבערג.

מיר האָבן זיך געלאָזט איבער דער שטאָט זאַמלען מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און פאַקטן וועגן די „בראָדער" און טאַקע געפונען אַן אמתן אוצר פאַר אונדזער אַרבעט. מיר האָבן אַפילו אָנגעטראָפן אויף אַ זקן מיטן נאָמען יואל גלאַנץ, אַ לעצטן מאָהיקאַנער פון די אַמאָליקע „בראָדער־זינגער", וועלכער האָט נאָך געדענקט פאַרשיידענע לידער פון זייער רעפּערטואַר. דער עיקר אָבער האָט מיך דערפרייט אויסצוגעפינען אַ שענק, וווּ מען פלעגט נאָך פון צייט צו צייט זינגען און שפּילן לויט דער טראַדיציע פון די אמתע „בראָדער־זינגער".

אין לעמבערג האָט זיך צו יענער צייט געפונען אַ געוויסע צאָל אַר־בעטלאָזע עלטערע אַקטיאָרן, פון וועלכע אייניקע האָבן נאָך אין די יונגע יאָרן מיטגעזונגען מיט די בראָדער. אין צייטן פון קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט פלעגן זיי זיך טאַקע דערמאָנען אָן דער אַלטער פרנסה און זיך אומקערן אין ווייִנקעלער.

דער עולם פון פשוטן פאָלק, פון פּיאַקערניקעס, טרעגערס, בעקערס און שוסטערס איז טריי געבליבן זיין משורר. ער איז נישט ברוגז געוואָרן מיט אים, ווען דער זינגער האָט פאַרראָטן זיין קעלער און איז אַריבער אין די „הויכע פענצטער”, אין גימפּעלס טעאַטער אויף יאַגעלאָנסקע; אויך דעמאָלט פלעגט דער קעלער־עולם אים נאָכגיין און יעדן שבת נאָכמיטאָג אים אָפּלאָדירן פון דער גאַליאָרקע... און איצט, אין אַן עת צרה, שפּילט ער אַוודאי נישט קיין ברוגז מיט אים און נאָך יעדן אָפּגעזונגענעם לידל שיטן זיך די „גרייצערס” אין טעלערל... ווי אין די אַלטע, גוטע „בראָדער” צייטן...

און אַזוי אומבאַמערקט ווי די „בראָדער־זינגער” זענען פאַרשווונדן פונעם יידישן לעבן, אַזוי אומבאַמערקט איז אויך געווען זייער אַנטשטייונג.

סוף פערציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט זיך אין אייניקע שטעט פון גאַליציע באַוויזן אַ נייער טיפּ פאַרוויילער.

דאָס איז נישט געווען דער באַקאַנטער בדחן, אָדער מאַרשעליק, וועל־כע דער עולם פלעגט קומען הערן ביי ספּעציעלע, פריילעכע געלעגנהייטן. הגם דער בדחן פלעגט אויך קענען צופרידנשטעלן דעם פּרימיטיוון צו־הערער, האָט זיך אָבער דער לעצטער נישט תמיד געפילט גוט אין אַ פרעמ־דער סביבה, אָפּטמאָל צווישן אויסגעפּוצטע גבירים און למדנים, וואָס האָט מתחייב געווען צו „האַלטן פאַסאָן”, ד״ה צו פילן זיך געפּענטעט.

פאַרקערט, דער דאָזיקער זינגער איז גאָר אַראָפּגעקומען צו זיי אין שענק און ווייִנקעלער, ווו זיי פלעגן פאַרברענגען ביי אַ גלעזל מעד נאָך דער שווערער אַרבעט.

מען האָט זיך געקענט דערלויבן אויף אַ צווישנרוף, אויף מיטזינגען, אויף אויסצוביטן זיך אַ באַליבט לידל, און דער זינגער האָט עס זיי טאַקע פאַרטיילט מיט דער ברייטער האַנט, אַבי דער גרייצער איז געפאַלן אין טעלערל.

דער עולם האָט תיכף דערפילט אין אים זייערס אַן אייגענעם עמך־

מענטש, וועלכער זינגט אויסשליסלעך פאַר זיי און זיי, עמך טאַקע, קענען אים געבן חיונה אָן דער לאַסקע פון די מיוחסים און גבירים. דאָס האָט זיי אימפּאָנירט, צוגעגעבן תקיפות...

און די דאַזיקע אימפּראָוויזירטע קאָנצערטן האָבן זיך טאַקע בליץ שנעל פאַרשפּרייט איבער די שענקן און ווײַנקעלערס פון גאַליציע, רומע־ניע און ייִדישע ישובים פון דער רוסישער אימפּעריע.

פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען?

דער אַלטער גלאַנץ האָט מיר קיין קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע נישט געקענט געבן. אויך באַרופענע טעאַטער־פאָרשער האָבן דעם ענין נישט פעסטגעשטעלט.

לויטן נאָמען, מיט וועלכן זיי זענען באַקאַנט געווען ביים פאָלק איז צו דרינגען, אַז די ערשטע זינגער זענען געקומען פון דער גאַליצישער גרענעץ־שטאָט בראָד.

די דאָזיקע שטאָט האָט צו יענער צייט געשפּילט אַן אַנגעזעענע ראָל אינעם מסחר און אַהין פלעגן זיך צונויפקומען סוחרים סיי פון רוסלאַנד, סיי פון עסטרייך־אונגאַרן. לייגט זיך אַלזאָ אויפן שכל, אַז די דאָזיקע אָנגעפאָרענע געסט האָבן געזוכט אַן אונטערהאַלט אין די פרייע אָוונטן און די דאָזיקע באַדערפעניש האָט גערופן צום לעבן דעם נייעם טיפ פאָלקס־זינגער, וועלכע מען האָט אין דער פרעמד באַצייכנט מיטן נאָמען „בראָ־דער".

די דאָזיקע זינגער האָבן זיך צוערשט באַוויזן איינציקווייז, ד"ה מיט סאָלאָ־אַרויסטריטן מיט דורך זיי פאַרפאַסטע לידער, אָדער מיט לידער פון אַנדערע פּאָפּולערע פאָלקס־דיכטער, ווי: וועלוול זבאַרזשער, אליקום צונזער, משהלע היבנעווער, יואל לינעצקי, בערל בראָדער, אברהם גאָלד־פאַדען און — שפּעטער — שלמה פריזאַמענט.

גיך האָבן זיך די סאָלאָ־אַרויסטריטן פאַרוואַנדלט אין דועטן, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן דעם זשאַנר, צו געבן אים דעם כאַראַקטער פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. דערצו איז שוין בייטיק געווען אויף אַביסל „פּראָזע". אַ געוויסע גערעדטע און אויסגעשפּילטע אינטראָדוקציע, וואָס זאָל צופירן צום עיקר פון דער פאָרשטעלונג — צום לידל, אין דעם פאַל — צום דועט, וואָס פלעגט זיך פאַרענדיקן מיט אַ טאַנץ.

מיט דער צייט פלעגן זיך שוין די „בראָדער" באַווייזן אין דרייען און אָפּטמאָל אין גרעסערע טרופּעס, וואָס זאָגט עדות אויף דעם גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג פון זייערע אַרויסטריטן.

די דאָזיקע טרופּעס האָבן זיך אין אַ קורצער צייט אַזוי איינגעגלידערט אינעם יידישן פאָלקס־לעבן, אַז ס'האָט זיך געשאַפן די נויטווענדיקייט צו פאַרוואַנדלען די זינגער־אַרויסטריטן אין „אמתן" טעאַטער מיט „לייטן גלייך".

דער עמך־עולם פלעגט שוין זיין אַן אָפטער גאַסט אויף דער גאַליאָרקע, ספּעציעל ביי די פאָרשטעלונגען פון „מאַלאָרוסישן" טעאַטער, וואָס פלעגט אָפט שפּילן פּיעסעס פון יידישן לעבן און האָט דאָרט געזען די פּרויען־ראָלן געשפּילט נישט דורך מענער, ווי ביז איצט ביי די „בראָדער", נאָר דורך אמתע, לעבעדיקע ווייבער, האָט ער ביי זיך, אויף זיינע היימישע פאָרשטעלונגען אויך נישט געוואָלט מער קיין ערזאַץ, קיין „אימיטירטע" פרוי, נאָר טאַקע אַן אמתע, פון בלוט און פלייש.

די „בראָדער", וואָס פלעגן אַנטקעגנקומען דעם געשמאַק און פאַרלאַנגען פון זייער עולם, האָבן טאַקע אינגיכן פאַרביטן די „פיקטיווע" פרויען אויף אויטענטישע פאָרשטייערינס פונעם שיינעם מין.

כדי צו לעגאַליזירן אַזאַ מין רעוואָלוציאָנערן שריט און נישט צו רייצן די בייזע צינגער, פלעגט געוויינלעך איינער פון די „זינגער" חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן חשק צו גיין אין די „בראָדער" און צוביסלעך זענען אַזוי אַרום אַנטשטאַנען פאַמיליען־טרופּעס.

די לעמבערגער אַלטע טעאַטראַלן האָבן נאָך גוט געדענקט די בראָדער־זינגערינס סאַלטשע, העלענע געשפּאַס, סאַלצע וויינבערג, סאַלקע וויינטרויב (שפּעטער פּעפּי ליטמאַן), קלאַראַ דעסער, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער זינגען און ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט.

דאַקעגן זענען די פאַרשיידענע קאָמישע אַלטע באָבעס, מכשפות אד"גל ווייטער געשפּילט געוואָרן דורך מענער און ס'איז אַפילו געוואָרן טראַדיציע אויך אין גאָלדפאַדען־טעאַטער דעם דאָזיקן טיפּ ראָלן אַנצופאַרטרויען מענער. אַזוי פלעגן אַזעלכע ראָלן ווי „באָבע יאַכנע", „באָבע מיטן אייניקל" און ענלעכע געשפּילט ווערן פון מאָגולעסקאָ, פישזאָן, סעם אַדלער, קאָמפּאַניעיעץ און אַנדערע מיטצייטלער אונדזערע.

אויך ביי אונדזער אויפפירונג פון די „בראָדער־זינגער" האָב איך

געשפּילט די אַלטע באָבע, וואָס ס׳האָט דער גאַנצקייט צוגעגעבן אַרכאַישן קאָלאָריט.

צו די ערשטע „בראָדער״ האָבן געהערט: יאַנקעווקע דער ווינער, אפרים דער בראָדער, משה טייך, משה קאָפּ און אין רוסלאַנד — פּינקעל, גראָד־נער און גאָלדשטיין, חנא שטרודלער, יוסף דעסער, יואל גלאַנץ, לייזער ראָזענשטיין, שלום פּאָדזאַמטשע, יונה רייזמאַן, וואָס עטלעכע פון זיי זע־נען געווען די צוקונפטיקע אַקטיאָרן אינעם ערשטן גאָלדפאַדען־טעאַטער.

וועלכער איז אַלזאָ געווען זייער רעפּערטואַר און ווי איז צוגעגאַנ־גען דאָס „טעאַטער־שפּילן״ פון די „בראָדער״?

ווי געזאָגט, האָט דער דערפאָלג פון די „בראָדער״ און זייער שטאַר־קע פּאָפּולאַריטעט זיך גענומען פון זייער אַנטקעגנקומען דעם געשמאַק און מענטאַליטעט פון די מאַסן.

דער רעפּערטואַר זייערער, ספּעציעל די לידער, איז באַשטאַנען פון „מאָראַלישע״, סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

די מלחמות וואָס פלעגן צו יענער צייט פאָרקומען אויפן נאָענטן מזרח, האָבן זיך, ווי דער שטייגער איז, קודם־כל געגעבן צו פילן דער יידישער באַפעלקערונג פון די שטרייטנדיקע לענדער.

ס׳איז דעריבער אין פאָלק געוואַקסן אַ מיטגעפיל־סענטימענט פאַר די ליידנדיקע ברידער און במילא זענען שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן פאַר־שיידענע שלום־לאָזונגען, וואָס האָבן באַקומען זייער אויסדרוק אין פאָל־קלאָר און אינעם בראָדער־זינגער רעפּערטואַר.

מיר ברענגען דאָ אַ מוסטער פון אַזאַ מין ליד אונטערן נאָמען „שלום־בית״.

— 1 —

פאָרלעך, זיי רייסן זיך,
קריגן זיך, בייסן זיך,
פונקט ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.
דאָס לעבן פאַרמיאוסן זיך,
שכנים דערוויסן זיך,
ס׳גייט שוין פון הויז צו הויז.
זי איז אַ מיאוסע,

די זופּ צו שיטער,
די מייערן צו זיסע,
די קאַווע איז ביטער,
שונאים מ׳ווערט זיך,
מע קריגט זיך אַ סך,
אָבער ווען ס׳קומט צו די נאַכט...

ר ע פ ר י י ן:

ווערט שלום־בית,
מען גיט אַ קוש, אַ גלעט,
ווייל שלום־בית
איז מוחל יעדן חטא.
בייטאָג אַ טעפּל — אין קעפּל
און אונטער אויגן — בלאָ,
קיין גאַנצער טעלער איז נישטאָ.
ביינאַכט גן־עדן
פּאָרביידן
שטיל איז ער און זי —
און שלום־בית
האַלט ביז אינדערפרי.

— 2 —

פעלקער, זיי רייסן זיך,
קריגן זיך, בייסן זיך,
פּונקט ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.
די וועלט זיי פאַרמיאוסן זיך,
יאָר־איין אַזוי יאָר־אויס.
דער שכן איז אַ בייזער,
אַ שונא אַ שלעכטער,
באַליידיקט מיין קייזער,
טשעפּעט די וועכטער,
שונאים מען ווערט זיך,

ס׳גיסן זיך בלוטן.
איז דען נישט בעסער
מיט גוטן?

ר ע פ ר יי ן:

נאָר שלום־בית
זאָל זיין אין יעדער שטוב.
און אויך אין דרויסן.
איר מענטשן, האָט אייך ליב.
צו די, צו יענע,
זיי זענען
דאָך גלייכע מענטשן דאָ,
מיוחסים זענען שוין נישטאָ.
אין אַ גן־עדן
פאַר יעדן,
און אַלע לענדער ווערט,
און שלום־בית
אויף דער גאַנצער וועלט.

דער צווייטער טיפּ לידער איז געווען אַן אַנטי־חסידישער, אַנטי־גבירישער. דער גביר און למדן האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויפן פּשוטן פאָלקס־מענטש. אַ בעל־מלאכה איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ צו־געהעריקער צו אַ נידעריקן, מינדערווערטיקן קלאַס; צו האָבן אַ בעל־מלאכה אין דער משפחה איז געווען אַ חרפּה, אַ פלעק אויפן יחוס און גוטן שם. ווער שמועסט אַן עם־הארץ — דער איז דאָך גאָר באַטראַכט געוואָרן פאַר ערגער פון אַ ממזר.

דאָס פאָלק האָט זיך געפילט טיף געטראָפן פון אַזאַ באַליידיקנדיקער און דערנידעריקנדיקער באַציִונג און האָט ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט זיך נוקם צו זיין פאַר דער דאָזיקער עוולה. די נקמה איז געווען אַן אמת יידישע און האָט באַקומען איר אויסדרוק אין אַנעקדאָטן, פאָלקס־לידער אד״גל.

אינעם רעפּערטואַר פון די „בראָדער־זינגער" האָט טאַקע פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט דאָס אָפּלאַכן פון די פאַרשיידענע כלי־קודש און סתם שיינע באַלעבאַטים.

צו דעם צוועק פלעגט זיך דער בראָדער־זינגער „פאַרשטעלן" פאַר אַ חסיד אין שיך און זאָקן, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל, צו וועלכן ס'זענען געווען צוגעבונדן לאַנגע פאות; אַ קלאָטשענע באָרד פלעגט ווערן אָ'זומגעבונדן אַרום דער באַק, מיט אַ שטיקל רויט פּאַפּיר פלעגן ווערן „פאַררויטלט" די באַקן און די נאָז און מיט אַ צוגעברענטן קאָרק, אָדער גאָר מיט אַן אָפּגעברענט שוועבעלע פלעגן „געלייגט" ווערן די קנייטשן אויפן פּנים.

אַזוי אַ פאַרשטעלטער, מיט אַ רויטער פאַטשיילע אין האַנט פלעגט דער זינגער תיכף געווינען די סימפּאַטיע פונעם עולם און זיין דערשייגען פלעגט באַגעגנט ווערן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און חוזק־אויס־רופן אויפן אַדרעס פונעם „צלאָפּ" און „מערידאַלניק".

און אָט ווי אַזוי אונדזער „בראָדער־זינגער" פלעגט אויסווייגען דאָס אַנגעווייטיקטע פאָלקס־האַרץ אין זיין קופּלעט אונטערן נאָמען: „ר' חיים שמואל דעם גבאילעס", וואָס איז פאַר מיין אויפפירונג באַאַרבעט געוואָרן דורך ישראל אַשענדאָרף און שלמה פּריזאַמענט.

— 1 —

יחוס אָדער געלט,
אויף די גאַנצע וועלט,
שפּילט די ראָלע דורכאויס
ווער עס האָט נאָר זיי,
איינס פון די צוויי
דער ווערט שוין פון קליין גאָר גרויס,
מיט כבוד, מיט רעספּעקט,
ווערט שוין באַדעקט,
זיינע גרעסטע פעלערן אָן אַ שיעור.
ער מעג שוין רויבן, שעכטן,
אַפילו דעם גרעסטן,
דער יחסן אָדער דער גביר,
אָבער ווער עס האָט זיי ניט,
יענעם איז נישט גוט,
ער טויג שוין צו אַלע רוחות,

זיין חכמה האָט קיין ווערט,
זיין רייד ווערט נישט געהערט,
ווייל ער איז קיין נגיד און קיין בעל יחוס,
ער טאָר זיך נישט דערוועגן,
קיין שאלות צו פרעגן,
פאַרוואָס קומט עס יענעם געוויס?
ווייל צו אַ נגיד ביסט דו נישט גלייך,
דו ביסט קיין יחסן און נישט רייך,
און ער איז דאָך פּיס פּיס פּיס...

— ווער איז ער אַזעלכער? איך וואָלט אויך געוואָלט וויסן.

— סטייטש! דו קענסט אים נישט? דו האָסט דען נאָך אַזאַ נגיד ווי ער איז? און וואָס פאַר אַ געשעפטן ער פירט! עס איז דאָך פּשוט אַ געוואַלד אַז מען הייבט זיך אָן צו באַרעכענען וואָס ער איז...

— נו, אַז ער איז אַ גביר דאַרף מען אַזוי פיל דרך־ארץ האָבן פאַר אים? וואָס האָט מען דען פון זיין געלט? פּע! כ׳לעבן, איך פאַרשטיי גאָר נישט, וואָס איז היינט פאַר אַ וועלט, אַז מען זאָל יענעם אָנטאָן אַזוי פיל כבוד נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט געלט, פּע! כ׳לעבן!

— שטיל, שייגעץ, דו האָסט נאָך אַ העזה צו ריידן אויף אַזאַ מענטשן? ערשטנס האָט ער געלט און צווייטנס...

— וואָס צווייטנס?

ער איז חיים שמואל דעם גבאילעס,
אַן אייניקל דעם רבי ר׳ אבאלעס,
דרך־ ארץ האָט פאַר אים,
מען קען אים אומעטום,
ר׳ חיים שמואל דעם גבאילעס.

— 2 —

אַלע פיינע לייט,
פון דעם יחוס זייט,
אין שול אויבן אָן איז זייער אָרט,

די אויפגעקומענע גבירים,
מיט זייער הויך שטאָלצירן,
אין מזרח וואַנט שטייען זיי דאָרט.
אָבער דער אָרימאַן
ווען ער איז אין שול פאַראַן,
זיין האַרץ אויסצוגיסן פאַר גאָט,
ער האָט נישט קיין תאוה,
צו כבוד און צו גאוה,
נאָר אויף פרנסה פאַר די קינדער וואָס ער האָט,
ווען ער איז שוין דאָ אין שול,
איז לויט זיין געפיל,
וויל ער נעבן באַלעמער שטיין אויך,
קומט דער שמש צו,
און זאָגט: דו קבצן דו,
וואָס ביסט דו געקראָכן אַזוי הויך?
אָט דאָרט ביי דער טיר,
איז איין אָרט פאַר דיר,
דאַרפסט דאָך וויסן ווער דאָ איז?
ווי קומסט דו דאָ אַהער?
ווער ביסט דו? און ווער איז ער!
ער איז דאָך פיס, פיס, פיס...

— אַוועק דו קבצן! וואָס ביסט דו געקראָכן אַזוי הויך?

— וואָס ווילט איר פון מיר, איך בין געקומען דאַווענען און אַוועקגיין, איך טו עפּעס ווענען שלעכטס?

— שטיל יונגאַטש! דו האָסט נאָך אַ העזה צו ריידן? זע נאָר וואָס פאַר אַ פיסק ער האָט געעפנט!

— איך וויל אייך נאָר פרעגן ר׳ שמש, מיט וואָס האָב איך דאָס געזינדיקט וואָס איך טאָר דאָ נישט זיין אין שול?

— ווען דו זאָלסט וויסן ווער דאָ איז וואָלסט די שוין געשוויגן, דו וואָלסט שוין בלייבן שטום.

— אדרבה! זאָגט מיר, וועל איך וויסן!

— זעסט דען נישט אַז דאָ איז ר׳ צאָצוניו?

— טו וואָס איז? אַז ער איז דאָ, טאָר איך נישט זיין אין שול?

— שטיל, דען ער קען נאָך דערהערן, ביטער וועט דיר זיין אַז דו וועסט אים דערקענען!

— ווער איז ער טאַקי?

ער איז חיים שמואל דעם גבאילעס א. אַ. וו.

— 3 —

אַט דעם גרויסן פאַבריקאַנט,
וואָס ער איז אייך יעצט באַקאַנט,
דעם גרויסן באַרימטן מיליאָנער,
ווער עס האָט אים נאָר געזען,
צוריק מיט אַ יאָר צען,
אַ קבצן אַ גראָבער יונג,
אין אַלעס דינג,
ביי קיינעם האָט ער געהאַט קיין ווערט,
און היינט אַז ער האָט שוין געלט,
קלינגט ער מיט די וועלט,
און ער אַרבעט מיט מענטשן ווי מיט פערד,
און טאַקי אין דער שטיל,
זאָגט יעדערער וואָס ער וויל,
מען שעלט אים אין רוחות אַריין,
ווייל עס דריקט זיי צו די נויט,
ער גיט זיי נישט קיין ברויט,
קען מען אים קיין גוטער פריינד נישט זיין,
וואָס מער מען אים שילט,
כך די צייט אים גילט,
קלוגע פאַלן אים צו די פיס,
ער טוט שידוכים מיט רבנים,
מיט די גרעסטע בעלי יחסנים,
ווייל ער איז דאָך פיס, פיס, פיס...
שיין איז צו זען ווי אַלע אַרבעטער שטייען אוןריידן איי־

נער מיט דעם צווייטן און רייסן קברים אויף דעם פרינציפּאָל.

— איך פאַרשטיי גאָר נישט, שמעלקע, וואָס עס וועט זיין דער סוף פון אונדז, מיר וועלן אַלע פון הונגער אויסשטאַרבן! נישט ער גיט אונדז אַרבעט, נישט ער גיט אונדז אָפּ וואָס אונדז קומט פאַר אונדזער שווייס וואָס מיר האָבן ביז יעצט געאַרבעט...

— וואַרט, ברודער, נאָך אַביסל, איך וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען מיט איין אַנדער אופן! איר קענט דאָך מיך אַז גע־זאָגט איז געזאָגט...

— וואָס קאָנסט דו אים טאָן? אַז דו ביסט אַ קבצן און ער איז פאָרט אַ גביר!...

— איך לאָך זיך אויס פון זיין גבירישאַפט! איך וועל אים אַ שפּיל טאָן וועט ער וויסן מיט וועמען ער האָט צו טאָן...

— פאָרט אַזוי, איך וואָלט וועלן וויסן וואָס קאָנסט דו אים ט...

— שאַ... שטיל... ער גייט אַהער...

— זעסט דו, דו האָסט אויך פאַר אים מורא!...

— איך האָב מורא? איך האָב פאַר אים גאָר קיין מורא נישט, נאָר וואָס זאָל איך טאָן? אַז אַלע גיבן אים אָפּ כבוד, מוז מען אַלעמען נאָכטאָן...

— וואָס ביסט דו, אַ מאַלפּע, וואָס דו באַדאַרפסט אַלעמען נאָכֿטאָן?...

— דו ווייסט אָבער נישט ווער ער איז...

— ווער איז ער?

ער איז חיים שמואל דעם גבאילעס א. אַ. וו.

— 4 —

ביים חסידל אין שטוב,
איז מיר אַלעס ליב,
אַריינקוקן וואָס טוט זיך דאָרט,
גלייך ווי אומעטום,
איז מען דאָרט אויך פרום,
נאָר איין זאַך געפעלט מיר נישט פאָרט...

ווען איך גיב אַ קוק,
אַז די קאַכין איז צו דיק,
פרעג איך: וואָס קען דאָס זיין?
לייען איך מיר דעם פשט,
אַז ער איז אַ כוואַט,
האָט ער פשוט איר געהעכערט אויף דעם זמן...
און גאָר אין אַ קורצער צייט,
אין אַ צווייטע שטוב נישט ווייט,
האָט מען געפונען אַ זינד.
מען איז געזעסן פאַרטראַכט,
פונקט אין האַלבע נאַכט.
האָט מען געהערט שרייענדיק אַ קליין קינד...
דער שכן שרייט צום גביר,
דאָס איז נאָר פון דיר!
רעדעלעך מאַכן שוין אַ שמועס.
אַוועק דו קבצן דו,
ווי קומסט דו דערצו,
ער איז דאָך פיס, פיס, פיס...

— דו האָסט געהערט ווי דער קבצן לייקנט זיך אַז דאָס איז גאָר נישט זיינס?...

— לאָמיר זיך נישט נאַרן? איך ווייס געוויס, אַז דאָס איז פון גביר! דען איך ווייס אַז זיין דינסט איז געוועזן גרעבער ווי לענגער... און מיט אַמאָל איז זי געוואָרן אַ סאַכאַטניצע...

— פון וואַנען ווייסט דו דאָס?

— וואָס הייסט פון וואַנען איך ווייס? דאָס איז אַ פראַגע פון וואַנען איך ווייס? איך בין שוין ביי אים אַ יאָר זאָל איך נישט וויסן וואָס דאָרט טוט זיך...

— נו, וויבאַלד עס איז יאָ אַזוי, ראָט איך דיר דו זאָלסט וועגן דעם בעסער נישט ריידן אַ וואָרט, דען דו קאָנסט נאָך דיין שטעלע אויף פאַרלירן...

— אָבער ווי קען מען דאָס צוזען אַזעלכע שרעקלעכע מער־

דערייען? אַרויפוואַרפן אויף אַן אָרימאַן אַזאַ זאַך? מאַכן אַן אומ־שולדיקן מענטשן אַזאַ בלבול?

— ער מעג אָבער אַלעס טאָן און אים טאָר מען אַ וואָרט נישט ריידן...

— פאַר וואָס מעג ער דאָס אַזוי אַלעס טאָן?

— ווייל ער איז דאָך פּיס, פּיס, פּיס...

— וואָס מיינסטו דו מיט דעם?

— גאָר פּשוט, ווייל ער איז אַ גרויסער יחסן...

— וואָס איז ער דאָס אַזאַ יחסן? איך קען אים דען נישט?

— וואָס דו ווילסט וויסן? וועל איך דיר זאָגן...

— נו זאָג! וועל איך וויסן...

ער איז חיים שמואל דעם גבאַילעס,
אַן אייניקל דעם רבי ר׳ אבאַלעס,
דורך ארץ האָט פאַר אים,
מען קען אים אומעטום,
ר׳ חיים שמואל דעם גבאַילעס.

אין דעם דאָזיקן ליד באַגעגענען מיר, אַגב, איינעם פון די ערשטע מוסטערן פון אַ גערעדטן דיאַלאָג.

צום דריטן טיפּ לידער האָבן געהערט עמך־קופּלעטן, אין וועלכע ס׳ווערן באַזונגען זייערע ליידן און פריידן, אָדער סתם געקיבעצט בעל־מלאכהס, פאָלקס־מענטשן, פון וועלכע ס׳איז באַשטאַנען דער עולם פון די „בראָדער־זינגער״.

די „בראָדער״ פלעגן זיך דאָ אויף אַ געהעריקן אופן „פאַרשטעלן״ פאַר די פערסאָנאַזשן פון זייערע לידער, אַזוי, צום ביישפּיל, פלעגן זיי אַרויסקומען אָנגעטאָן פאַר אַ בעל־עגלה אין גראָבע שטיוואַלעס מיט אַ בייטש אין האַנט; פאַר אַ הענדלער מיט אַ זאַק מיט אַלטוואַרג; פאַר אַ שניידער — מיט נאָדל־פאָדעם, פאַר אַ שוסטער — מיט אַ דראַטווע און האַמער.

די דאָזיקע לידער טראָגן שוין אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער און, נישט געקוקט אויפן אַנטאַגאָניזם צווישן בעל־מלאכהס פון פאַרשיידענע פראָ־פעסיעס, פילט זיך אין זיי אַרויס פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט און חברישקייט.

גרויס דערפאָלג האָט טאַקע געהאַט ביי די „בראָדער־זינגער" דער באַקאַנטער דועט אונטערן נאָמען „שניידער־שוסטער־ליד", געזונגען פון איינעם פאַרקליידט פאַר אַ שניידער און אַ צווייטן פאַר אַ שוסטער. דאָס ליד מיט די נאָטן געפינט זיך אין דעם דאָזיקן בוך.

באַלד נאָכדעם קומט אַ פריילעכער טאַנץ, וואָס באַשטייט פון כאַ־ראַקטעריסטישע באַוועגונגען פון אַ שניידער ביים פרעסן און פון אַ שוס־טער ביים קלאַפּן אַ פּאַדעשווע.

די דאָזיקע לידער זענען געזונגען געוואָרן אין מיין אויפפירונג פון דער „בראָדער־זינגער" אין שלמה פריזאַמענטס מוזיקאַלישער באַאַרבעטונג.

***

מיטן דערפאָלג פון די „בראָדער־זינגער" איז אויך געוואַקסן זייער רעפּערטואַר. מען פלעגט שוין פאַרשפּילן סקעטשן, פּאַרסן, קאָמעדיעס, באַגלייט, פאַרשטייט זיך, פון אַנטשפּרעכנדיקע לידער און פאַרענדיקט מיט אַ פריילעך טענצל. באַזונדערס פּאָפּולער איז געוואָרן דער אַזוי גע־רופענער „שמעק־טאַבעק־טאַנץ", אויסגעפירט דורך פיר חסידימלעך, וואָס אימיטירן אַלע פּאָזעס פון טאַבעק־שמעקן, באַגלייט פון פאַרשיידענע וואַ־ריאַציעס פון ניסן. דער דאָזיקער טאַנץ איז געווען אַזוי באַליבט ביים פאָלק, אַז גאָלדפאַדען האָט אים אַריינגעשטעלט אין זיין פּיעסע „דאָס צענטע געבאָט".

אַזוי אַרום האָבן די „בראָדער" זיך פאַרוואַנדלט אין אַלזייטיק באַ־גאַבטע אַקטיאָרן, וואָס אַחוץ רעדן „פּראָזע", האָבן זיי אויך געקענט זינ־גען און טאַנצן און אין אַ דוחק אויך אימפּראָוויזירן אַ קופּלעט, אָדער סצענע.

זייער הויפּט־פאַרדינסט איז אַלזאָ געווען: דאָס שאַפן אַן עולם פאַרן וועלטלעכן יידישן טעאַטער און דעם ערשטן פּראָפעסיאָנעלן אַקטיאָר פאַר אים.

מיט דעם דאָזיקן אַקטיאָר איז גאָלדפאַדען צוגעטרעטן בויען זיין יידיש טעאַטער און די „בראָדער־זינגער" זענען אומבאַמערקט פאַרשווונדן פונעם יידישן לעבן, איבערלאָזנדיק אין אַלע ישובים אַ בענקשאַפט נאָך אַ יידיש וואָרט און יידישן ליד.

אָט ווי אַזוי אַשנדאָרף באַזינגט אינעם פינאַל פון די „בראָדער־זינ־

גער" דאָס אָפּפאָרן פון די דאָזיקע פאָלקס־טרובאַדורן פונעם שטעטל „פּאַ־נאַטיווקע":

ב ר אָ ד ע ר ־ ז י נ ג ע ר :

מיט מזל און גליק, מיר פאָרן צוריק.
פרייד און געלעכטער געלאָזן דעם ייִד.
דער קלײנער ישוב איז שוין פאַרכישופט
פון ייִדישן ניגון און ייִדישן ליד.
מוסר און שטראָף, כלי־קודש און רב,
בעל־טאַקסע, פּראָצענטניק און סתם שיינער ייִד,
נגידים, יחסנים, דעם אמת אין פּנים.
און אַלץ מיטן כוח פון ייִדישן ליד.

זיגמונט טורקאָוו

***

איינע פון די באַרימטסטע יִדישע שענקן אויף דער ברייטער גאַס אין לעמבערג. די באַקאַנטע באַמבאַך־שענק, האָט דורכגעפירט „קינסטלערישע" פראַגראַמען, אין וועלכע עס זענען אויפגעטראָטן די באַקאַנטע בראָדער־זינגער יוסף דעסער, סאַלקע בעשטענדיק, חיים פישער, חנאַ שטרודלער, חיים בענדל (פאַרך) און אַנדערע. אַלע אויסגערעכנטע זינגער זענען שוין געווען גילוחים און געטראָגן צילינדערס און פעלערינעס, אויסער חיים בענדל, וואָס האָט נאָך אויפגעטראָטן מיט אַ יאַרמעלקע און געהאַט אַ קליין בערדעלע.

יואל גלאַניץ (פיטשע), איז געווען איינער פון די עלטסטע בראָדער־זינגער, ער איז אין טיפן עלטער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אין לעמבערג. ביי אים האָב איך מיטן דיכטער ישראל אַשענדאָרף ע"ה אויפגענומען אַ ריי לידער מיט נאָטן פאַר זיגמונט טורקאָווס אויפירונג „די בראָדער זינגער", וואָס איז געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג אין „וויקט" (וואַרשעווער קונסט־טעאַטער). דער דאָזיקער יואל גלאַניץ האָט אונדז געשילדערט ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די ערשטע פאָרשטעלונגען ביי די בראָדער זינגער.

אין דער פריִער דערמאָנטער באַמבאַך־שענק פלעגן אַריינקומען אויף אַ גלאָז ביר און אַ פולקע גענדזנס, די גאַסן־הענדלער, די בעלי־מלאכות, אָדער סתם נייגעריקע, וועלכע האָבן זיך געוואָלט פאַרווילן מיט אַ גוט לידל, אָדער וויץ פון אַ בראָדער זינגער.

אויפן פענצטער פון שענק איז געווען אַרויסגעהאָנגען אַ צעטל אויפגעשריבן מיטן רויטן טינט: **„הויטע אונד טעגליך טרעטן אַוף די בערימטע בראָדער זענגער, ענטריי פריי. הויטע געפילטע קאַרפּן,**

מילצלעך אונד קישקע צו מעסיגע פרייזען". דער דאַזיקער אויפ־שריפט איז באַלויכטן געוואָרן פון אינעווייניק מיט אַ ליכט.

קיין בינע איז נישט געווען. ביי דער קיך איז געשטאַנען אַ טישל און דערויף צוויי לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט. די זינגער זענען אַרויסגעקומען פון דער קיך, ווו זיי האָבן זיך גרימירט און ווו ס'איז אויך געווען זייער גאַרדעראָבע.

עס איז אַרויסגעקומען חיים בענדעל (פּאַרך) בכדי צו זינגען זיינע לידער. אין „זאַל" איז אַ גרויסער גערודער, מען טרינקט ביר און מען רעדט אויפן הויכן קול.

דער „אָרקעסטער" איז באַשטאַנען פון אַ צימבלער (אַ קליין אינסטרומענטל וואָס איז באַנוצט געוואָרן דורך יידישע כלי־זמר אין גאַליציע), וועלכער האָט נישט געלייענט קיין נאָטן. די זינגער האָבן בכלל קיין נאָטן נישט געהאַט. עס איז גענוג געווען, אַז דער זינגער האָט געמאָלדן דעם נאָמען פון ליד און דער צימבלער האָט באַלד פון געהער אָנגעהויבן צו שפּילן.

חיים בענדל האָט אַליין אַנאָנסירט זיין אויפטריט, באַמיִענדיק זיך איינצושטילן דעם עולם:

— „האָכגעערטעס אונד געשעצטעס פּובליקום! איך ביטע אום רוהע! איך ווערדע זינגען איין ליד פאָן דיכטער וואָלף ערענקראַנץ, געגאַנט וועלוועלע זבאַרזשער".

דער עולם טומלט ווייטער.

— „האָכגעערטעס פּובליקום, איך ביטע אום רוהע".

דער עולם טרינקט ביר, מען רעדט, די פישערקעס מאַכן דעם חשבון פון טאָג־לייזונג און דאָס גערודער שטילט זיך נישט איין.

— „מיינע הערן אונד דאַמען, איין ליד „דער וואַנדערער".

עס ווערט אַלץ נישט שטיל.

— „געערטעס פּובליקום, קאַטשקעס, מאַרק־יידענעס, איר וועט זיין שטיל, ניין?

ער לעשט אויס די ליכט און קלייבט זיך אַוועקצוגיין.

קולות פון אַלע זייטן:

— ווייבער, מאַכט־צו די פּיסקעס, מיר ווילן הערן!

***

און יואל גלאַנץ דערציילט:

„זיי זענען געקומען אין אַ שטעטל, זיך איינגעקוואַרטירט ביי אָרעמע בעלי־מלאכות (ווייל קיין שום אכסניה וויל זיי נישט אַריינלאָזן). צווישן מנחה־מעריב האָט דער רב פון שטעטל אויסגערופן, אַז קיין ייִד זאָל זיך נישט דערוועגן צו לאָזן גיין זיינע קינדער אין שענק און הערן די זינגער.

ביי די בראָדער־זינגער האָט זיך געטאָן חושך, זיי וועלן נישט האָבן קיין הוצאות צוריקצופאָרן. האָט חנאַ שטרודלער אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע, אַ באָרד און פּיאות פון זיין רעקוויזיט און איז אַוועק צום רב פון שטעטל.

— אַ גוטנאָוונט, רבי.

— פונוואַנען קומט אַ ייִד? זיצט.

— רבי, איך האָב געהערט אין שטעטל, אַז איר האָט געאסרט די בראָדער זינגער, וואָס זענען אהערגעקומען.

— אוודאי, וואָדען, אַזאַ חוצפה, קומען אין אונדזער מקום מיט אפּיקורסות און מיט נשים, אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן.

— אָבער רבי, עס שטייט דאָך בפירוש, ותשיר דבורה. דבורה האָט געזונגען.

בקיצור, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, שטרודלער האָט זיך אויפגערעגט, דאָס בענדל פון דער באָרד האָט נאָכגעלאָזט און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

דער רבי האָט געמאַכט אַ געוואַלד:

— אַ מכשף, אַ שליח פון שטן, רחמנא לצלן!

עס איז געוואָרן אַ צונויפגעלאָף און אינצווישן האָט זיך חנאַ שטרודלער קוים מיטן לעבן אַרויסגעשאַרט פון דאָרט און איבערגעלאָזן צום אייביקן אָנדענק זיין באָרד דעם שטעטלשן רב.

*****

אין די יאָרן 1906 האָבן זיך באַוויזן ביי די בראָדער זינגער נייע און ייִנגערע כוחות. צווישן זיי האָבן באַלד געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פּעפּי ליטמאַן, העלענאַ געשפּאַס, יעקב ליטמאַן, קאַנאַפּאָו, אברהם ראָזענשטיין, יונה רייזמאַן, שלום פּאַדזאַמטשע, משה וויינ-

בערג, הערמאן וויינבערג און אנדערע, וואס האבן געהאט פרעכ־טיקע שטימען און געזונגען פאלקס־לידער פון גאר אן אנדערן זשאנר, געשפילט סקעטשן, איינאקטערס, דועטן, שוין פאר אן אפענער בינע ביי יאשע האנט אין גארטן, באגלייט פון א פידלער, טיילמאל אויך פון פיאנא און א גאנצן קווארטעט, אנגעפירט פון בארימטן אין יענער צייט מוזיקער שיעלע ציינגוט, וועלכער איז מיט זיינע פידל־סאלאס געווען אן אמתע גרויסע אטראקציע און א ליבלינג פון לעמ־בערגער עולם.

שפעטער האט די זעלבע טרופע געשפילט אין ווין, בודאפעשט, אין די אונגארישע פראווינצן, אין טשעכיע און אין אלע קורערטער.

מיט א צייט שפעטער האבן זיך א סך פון זיי אפגעטיילט און געפארן שפילן יידיש טעאטער אין ווין, וואס האט דארט עקזיס־טירט ביז צו היטלערס אקופאציע.

די ערשטע אנפירער פון יידישן טעאטער אין ווין זענען געווען שלום פאדזאמטשע און יונה רייזמאן, וועלכע האבן צוגעצויגן צו זיך די בעסטע יידישע אקטיארן און זינגער פון יענער תקופה.

יונה רייזמאן, דער פריערדיקער בראדער זינגער, האט זיך ארויסגעוויזן אלס גאר א גרויסער קינסטלער און אפילו די גויישע צייטונגען פון ווין האבן אים פארגליכן צום בארימטן דייטשישן שוישפילער זשירארדי.

ווען איך בין, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געקומען קיין ווין, האב איך געשפילט צוזאמען מיט דער פאדזאמטשע־רייזמאן־טרופע און אויפגעפירט מיין מוזיקאלישע פיעסע „דער גולם פון פראג".

יונה רייזמאן איז בטבע געווען א וויצלינג, שטענדיק א פריי־לעכער לונג־און־לעבער, אפילו אין שווערע צייטן האט ער נישט פארלוירן זיין הומאר. איינמאל זענען מיר אויף דער רינג־שטראסע פארבייגעגאנגען די „קאיזער־קעניגלעכע האף־אפער", האט ער מיך א נעם געטאן ביי דער האנט און אריינגעשלעפט אין פאיע פון דער אפערע. איך האב זיך ממש פארוואונדערט, נישט וויסנדיק צו וואס ער האט מיך דארט אריינגעשלעפט. צוהאלטנדיק מיך ביי

דער האַנט האָט ער אָנגעהויבן שטיל זינגען: „האָט אַ ייִד אַ ווייַבעלע, האָט אַ ווייב אַ ייִדעלע" און אַ זאָג געטאָן:

—אַצינד, קום!

איך האָב אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן:

— פון היינט און ווייטער ביסטו מיין עדות, אַז איך האָב געזונגען אין דער „קאַיזער-קעניגלעכער האָף-אָפּער"...

**
*

אין משך פון דער צייט האָבן אין פאַרשיידענע שענקען, אין רעסטאָראַנען און אַ טייל שוין ביי אָפענע בינעס געשפּילט און געזונגען די לעצטע מאָהיקאַנער פון די בראָדער-זינגער, ביז אַ שטיקל צייט נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה און דאַן איינגאַנצן אַראָפּ פון דער אַרענע.

שלמה פריזאַמענט

די וועלט אין דיין עמוד

יידישע נגינה

כאָר און סאָלאָ

איבערגעגעבן פון יואל גלאַנץ (פּיטשע), דער עלטסטער פון די בראָדער זינגער. געלעבט אין לעמבערג. אומגעקומען אין דאָרטיקן געטאָ אין עלטער פון 85 יאָר.



אַלע:

יידישע נגינה
שטראַלט אין האַרץ אַריין,
ווי פון גרויע וואָלקנס
ס'לייכט אַ זונענשיין.
די וועלט איז דיין עמוד,
וווּ דו זאָלסט תמיד
דער שליח ציבור זיין.

סאָלאָ:

דורך נעכט און טעג,
אין וויטן וועג,

אין קעלט און הונגער,
ווער וואַנדערט דאָרט
פון אָרט צו אָרט?
דער בראָדער זינגער.
מיט זיך ער טראָגט
וואָס ער פאַרמאָגט,
דער וועג איז חושך שווארץ.
און ווערט ער מיד —
זינגט ער אַ ליד
און רעדט זיך אָפּ פון הארץ.

אַ ל ע :
יידישע נגינה.
אז״ו ביז „שליח ציבור זיין״.

ברוך הבא

(דועט)

געזונגען פון קאַנער און שרה קאַנער (1893 - 1894)



I

ביידע: ברוך הבא,
מיר זענען דאָ.
מיר זעען זיך ווידער
דאַנק, גאָטעניו.

ער: געזונגען אין שטעטלעך,
אויף פעסלעך, אויף ברעטלעך.

זי: געוואַנדערט, געקומען, } (ביס ביידע)
און מיר זענען דאָ!

ביידע: פשוטער ייִד,
האָסט ליב אַ ליד;
זינגען פאַר דיר
מיר ווערן נישט מיד.

ער: נאָר ביי די חסידים,
כניאָקעס, נגידים,

זי: איז טריפה און פּסול } (ביסביידע)
צו הערן אונדזער ליד.

ביידע: ברוך הבא... אז"וו
(ווידערהאָלן די ערשטע סטראָפע)

דער בדחן

(געזאַנג)



האָט אַ ייִד אַ טאָכטער
שיקט ער נאָך אַ שדכן.
גרייט ער צו איר חתונה —
שיקט ער נאָך אַ בדחן.
שפּילן די קלעזמאָרים,
פּויקן, טאַצן קלינגען;
באַזעצט מען נאָר די כלה,
נעם איך זי באַזינגען.
דאָס פידל שפּילט,
די ווייבער — זיי קלאָגן.

און איך הייב אָן מיט אַ ניגון,
לאמור, אַזוי צו זאָגן.

(מיט אַ ניגון פון כלה באַזינגען)

אוי, כלה, כלה,
היינט גייסטו אויף אַ וועג אַ נייעם.
יעדער זיווג איז באַשטימט מן השמים.
פון טאַטע־מאַמעס הויז
גייסטו שוין אַרויס.
און דיין מאַן, דער ליבער,
נעמט דיך אין זיין רשות איבער.
זאָלסטו זיך אויפירן ווי אַן אשה צנועה.
אַז דער מאַן רופט זי, תיכף קומט זי.
וועסטו האָבן די זכיה
פון אַן אשת חיל מי ימצא.
כלה, כלה,
כל זמן דו ביסט אַ מיידל געווען,
פלעגסטו מיט בחורים שפּאַצירן אַרומגיין,
און אַז דו ביסט אַהיימגעקומען שפּעט ביינאַכט
האָט זיך דיין מאַמע נישט וויסן געמאַכט,
ווייל זי האָט געוווּסט אַז מיט יאָרן פריִער
איז זי אַליין נישט בעסער געווען פון דיר.
אָבער פון נאָך דער חופּה כדת משה וישראל,
קען שוין נישט זיין אַזוי ווי ס׳איז געווען אַמאָל.
דאָס געוועזנע ווערט אינעם יום החופּה פאַרגעבן.
דאַרפסטו פון היינט אָן אָנהייבן אַ ניי לעבן.
לעבן מיטן מאַן בשלום, ביינאַנד.
און אַכטונג געבן, ער זאָל דיך נישט כאַפּן
ביי דער האַנט...
דריי מצוות מוז אַ ווייבל מקיים זיין:
חלה נעמען, ליכט בענטשן און אין מקוה אַריין גיין,
וועסטו האָבן ביי גאָט און לייט חן.
ונאמר אמן.

בין איך מיר אַ קלעזמערל

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פּריזאַמענט)



בין איך מיר אַ קלעזמערל,
אַ קלעזמערל אַ קליינס,
שפּיל איך אויף אַ חתונה,
אַ ניגונדל אַ שיינס.
טאַנצן מחותנימלעך,
און פּליעסקען מיט די הענט.
צעוואַרעמט זיך מיין פידעלע } ביס
ווי פייערפלאַם עס ברענט.

קומט צו מיר צו אסתרל:
שפּילט פאַר מיר אַ שער.
בליאַסקען אירע אייגעלעך.

איך פיל — משוגע כ'ווער.
קומט זי צו מיר טאַנצנדיק
ווי כ'האָב איר בליק דערפילט,
ענטפערט איר מיין פידעלע
מיט ווערטער אויסגעשפילט. } ביס

כ'זאָג צו איר: אוי, אסתרל,
מיין האַרץ גייט אויס נאָך דיר.
איך האָב אויך אַ האַרץ, זאָגט זי,
נאָר... בעסער שווייגן מיר.
זי איז אַ חסידיש „שעכטעלע"
דאָס איז נישט אַזוי גרינג.
ווי קום איך, אַ „לאַבערטשניק"
אַ פּראָסטער קלעזמער יונג. } ביס

דריי איך זיך אין געסעלע,
איר פענצטערל איך זע.
אסתר שטייט אַ טרויעריקע,
זי ווינקט צו מיר „אוי, גיי"...
קומט אַ חסידיש בחורל,
מיט פּאַהלעך פאַרדרייט.
אסתר, ווי אַ שעפּעלע,
צו דער שחיטה גייט. } ביס

שפּיל איך אויף איר חתונה.
דאָס האַרץ ביי מיר פאַרשטיינט.
מזל-טוב דיר, אסתרל.
זי ענטפערט נישט, נאָר וויינט.
בין איך מיר אַ קלעזמערל,
אַ קלעזמערל אַ קליינס.
שפּיל איך אויף אַ חתונה
אַ לידעלע אַ שיינס. } ביס

ווען דו לאַכסט, לאַכן אַלע מיט

(אַ ליד פֿון די „בראָדער־זינגער״, געזונגען פֿון אַבראַמאָוויטש)



I

מאכסטו אַ שמחה אין דיין הויז,
אַרום די טישן פול מיט געסט,
איעדער וויזט דיר פריינטשאַפט אַרויס,
מ׳קושט זיך, מ׳טרינקט, מ׳עסט;
זאָגסטו אַ חכמה, אַ וויץ,
לאַכן אַלע גלייך מיט דיר.
די חניפה קומט זיי צוניץ
אַזוי לאַנג דו ביסט אַ גביר.
קוים גיט זיך דאָס רעדל אַ דריי,
און דו ווערסט אַן אָרעמאַן;
קומסט צו פריינט, דו וויינסט פאַר זיי —
דערקענט דיך שוין קיינער נישט דאַן.

(רעפריין)

ווייל ווען דו לאַכסט,
לאַכן אַלע מיט.
יעדער קומט מיט דיר זיך פרייען.
אָבער ווען דו וויינסט
זעט קיינער נישט.
ווען דו וויינסט,
וויינסטו איינער אַליין.

II

אַן אַלטער מאַן שלעפּט זיך אַרום.
עס ציטערן ביי אים די הענט.
איך קוק זיך נענטער צו צו אים:
דאָס איז ער. כ׳האָב אים דערקענט.
ס׳איז דער באַרימטער אַקטיאָר,
אַ ליבלינג ביים עולם געווען.

אַ קאָמיקער, פול מיט הומאָר,
לאַכן געמאַכט גרויס און קליין.
מ׳קען מיך, זאָגט ער, שוין נישט מער;
עס מיידן מיך אויס אַלע פריינט.
אין זיין אויג באַווייזט זיך אַ טרער.
עלענט ווי אַ שטיין בין איך היינט.

(רעפריין)

אַ קאַמף איז דאָס לעבן

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



I

שיין איז דאָס לעבן אויך געווען פאַר מיר.
ווי בענקט דאָס האַרץ נאָך דער צייט
וואָס איז געווען פריער,

פון פרייד, פון ליבע און זונענשיין.
געבליבן איז בלויז געוויין.
צעבראָכן מיין האַרץ וואָס האָט געליובט.
געקעמפט פאַר מיין גליק האָב איך;
געפאַלן אין קאַמף בין איך
פאַר דער, וואָס האָט מיר מיין גליק גערויבט.

(רעפריין)

אַ קאַמף איז דאָס גאַנצע לעבן.
דער זיגער וויל יעדער זיין.
דעם שטאַרקן ווערט אַלץ געגעבן
און דער שוואַכער, ער מוז אונטערגיין. } ביס

II

שיין איז געווען יענע ליבע צייט.
געזאָגט האָט ער, אַז אפילו אין אָרעמקייט
וועט ער זיין גליקלעך. ער דאַרף קיין געלט,
ווייל איך בין זיין גאַנצע וועלט.
און פּלוצים — געוואָרן אָפּגעקילט.
מיט יענער ר׳האָט זיך באַקענט,
וואָס האָט אים מיט גאָלד פאַרבלענדט.
זי האָט געזיגט און איך — פאַרשפּילט.

(רעפריין)

שלום בית

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



מיין היים, מיין גליק ביסטו.
מיין פרייד פון פריִער און היינט.
אין דיר געפין איך מיין רו
צווישן מיינע פריינט.

מיין הײם, מיין ליבע הײם.
נאָך שטײט דאָס װיגעלע.
עס קלינגט נאָך דער ניגון
פון דער מאַמעס שלאָף־לידעלע.

(צושפּיל)

שלום בית שײנט די זון אין הויז
און באַשטראַלט דאָס גאַנצע הויזגעזינט.
לעש דאָס ליכט קײנמאָל נישט אויס,
היט עס אָפּ, מײן קינד.
דעקט אַ שוואַרצער װאָלקן צו,
װערט צעשטערט די פרײד און רו;
שלום בית, דו אַלײן,
מאַכסט דאָס לעבן שײן.
מײן קינד, אין שלום לעב,
װעט זײן דײן הײם דיר ליב.
װײל קריג פאַרפינצטערט די טעג,
אַ גיהנום װערט די שטוב.
פון פרײנט — אַ שונא װערט;
ס'װערט פרעמד דײן אײגן קינד.
די שנאה, די קנאה,
זײ צעשטערן אַלץ אַזױ געשװינד.

(צושפּיל)

איציק וואַסערטרעגער

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



בין איך איציק וואַסערטרעגער,
קאָנען צוויי פאַרמאָג איך.
וואַסער פאַר די באַלעבאַטים
אין די הייזער טראָג איך.
דריקן מיך די קראָמיסלעס,
כ׳פיל שוין נישט די גלידער.
קום איך פאַרנאַכט אַהיים שוין,
פאַל איך מיד אַנידער.

בין איך איציק וואַסערטרעגער,
טעכטער צוויי פאַרמאָג איך.
שווערער נאָך ווי ס׳וואַסער טראָגן.
צרות פון זיי טראָג איך.
מיידלעך ווי די שטילע טויבן,
ק׳הויך וואָרט, קאַ׳ געלעכטער;

נאָר חתנים ווילן נישט קומען
צום וואַסערפירערס טעכטער.

שבת גייען זיי נישט שפּאַצירן,
אַלט שוין זייערע קליידלעך.
זיצן זיי אין שטוב און שווייגן,
מיינע אָרעמע מיידלעך.
האָב איך שבת קיין מנוחה,
פּונקט ווי אינדערוואָכן.
הער איך שטילערהייט זיי קרעכצן,
ווערט דאָס האַרץ צעבראָכן.

לויפן יאָרן, עלטער ווערט מען;
שוין נישטאָ דער כוח.
קיין חתנים זעט מען נישט.
דאַרט מיר אוים דער מוח.
אַלט שוין איצט וואַסערטרעגער,
קאָנען קוים דערטראָג איך.
פון מיין פּראַצע, אַלע יאָרן,
טעכטער צוויי פאַרמאָג איך.

אניל וואשמח - לעבעדיק און לוסטיק

אניל ואשמח

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



I

מיין טאַטע, דער פרומער,
ר׳ איטשע מלך,
אַ קבצן אַ גרויסער,
נאָר שטענדיק פריילעך.
אַ שטוב פול מיט קינדער,
קיין „איינער האָרע״ (עין הרע)
זיי ליאַרעמען און שרייען,
נישטאָ וואָס צו קייען.
די מאַמע שרייט: גזלן!
וואָס שטייסטו תמעוואַטע?
ענטפערט איר דערויף דער טאַטע:

(צושפיל)

אגיל ואשמח,
לעבעדיק און לוסטיק.
צו וואָס טויג זאָרגן,
אַז עס וועט זיין מאָרגן
גלייך ווי היינט סיי ווי סיי, אוי!
וואָס זשע העלפט זיך דאגות מאַכן,
בעסער פונעם דלות דאַכן.
אָגיל ואשמח זאָל זיין.

II

אַז ביסט אַ שלימזל,
מיין מאַן, דאָס וויים איך.
גיסט גאָרנישט אַ טראַכט,
אַז באַלד איז שוין פסח.
אויף מצות און בולבעס
קיין גרייצער נישטאָ;

די קינדער און איך,
אָן קליידער, אָן שיך,
איך פרעג ביי דיר, גזלן,
וואָס שטייסטו תמעוואַטע?
ענטפערט איר דערויף דער טאַטע.

(צושפּיל)

שוסטער און שניידער

(דועט)

געזונגען פון יוסף און קלאַראַ דעסער: 1900, באַאַרבעט פון ישראל אַשענדאָרף. די מעלאָדיע איז אַ רומענישע.



שניידער:

אוי, דו שוסטער, וואָס פאַרשטייסטו?
שטיוול נייסטו, און באָרוועס גייסטו.
ציִסט די דראָטווע, לאָטעסט שקראַבעס,
און האָסט קיינמאָל נישט אויף שבת.

שוסטער:

דו פּרעסט הויזן, ציִסט פּאַסטריגעס,
אַרבעטסט אין דער היים און אין דער פרעמד,
פאַרדינסטו קוים אויף מאַמעליגע
און האָסט עלף קרעגן (קאָלנערס) און איין העמד.

שניידער:

לויפט די נאָדל, ס׳פּרעסל ברענט.
רייַן און ציכטיק אַלעס וואָס איך האָב.
ביי דיר פון דראַטוועס שוואַרץ די הענט,
און קיין שכל האָסטו, סמאָלע קאָפּ.

ביידע:

און מיין שניידעריי (שוסטעריי),
בלייב איך שטענדיק טריי.
זאָל זיך שעמען ווער
ס׳איז אַ ליידיקגייער.
לויפט די נאָדל (דראַטווע), פליִט,
און איך זינג דאָס ליד:
אַז מיין שניידעריי (שוסטעריי)
בלייב איך שטענדיק טריי.

שניידער:

מיר האָבן ביידע נאָר אַ שפּאָס געמיינט.
בעל־מלאכהס דאַרפן בלייבן גוטע פריינט.
ווייל מיר ווייסן נישט פון שווינדל און פּראָצענט,
לעבן זאָלן אַלע אַרבעטס־הענט.

שוסטער:

אונדזער שפּראַך איז אומעטום.

איינע און די זעלבע אויף דער וועלט.
מיט מיין האַמער ווו איך קום,
צו דער אַרבעט האָב איך זיך געשטעלט.

שניידער:

עס באַנקראָטירט דער סוחר שמערל
און פאַרלירט אַלעס וואָס ער האָט;
און איך מיט מיין נאָדל, שערל,
אַרבעט און ווער קיינמאָל נישט באַנקראָט.

ביידע:

ביי מיין שניידעריי (אז"וו ביז „שטענדיק טריי").

איציקל האָט חתונה געהאַט

באַאַרבעט לויט אַן אָדעסער לידל פון שלמה פריזאַמענט. געזונגען פון אָדעסער „קעלער־זינגער“.



I

לאָמיר זיך צעקושן,
דער טאַטע מעג שוין ווּיסן,
אַז איציקל האָט חתונה געהאַט...
געשריגן חי וקים,
געבליבן בלויז ביים שרייען,
האָב איך אָן דיר חתונה געהאַט!

(רעפריין)

איציקל האָט חתונה געהאַט,
טאַטע, ס'איז שוין נאָכן הרי אַת.
זאָל שוין שלום ווערן,
מזל־טוב — לאָז הערן.
איציקל האָט חתונה געהאַט.

II

דו האָסט געוואָלט, איך ווייס עס,
אַ שנור אַ מיוחסת.
נישט אַזאַ מחותן האָסטו געמיינט.
אין אָרעמקייט דערצויגן,
נאָר עפנט זי די אויגן —
דאַכט זיך אַז די זון האָט אויפגעשיינט!

(רעפריין)

III

האָסט געזאָגט, אַז דיר געפעלט נישט —
די כלה האָט קיין געלט נישט...
טאַטע, דו ביסט פון דער אַלטער וועלט,

אַז מ'האָט צוויי הענט געזונטע,
גייט מען שוין נישט אונטער
און ליבע, טאַטע — דאָס איז מער פון געלט!

(רעפריין)

מלך און מלכה

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



זי:

כ׳וועל אַ מלכּה דיר זיין
מיט אַ יידישן חן.
דו וועסט זיין מלך. די מלוכה
וועט זיין אונדזער קליינע ליבע היים.

ער:

איך וועל זיצן אויבנאָן,
ווי אַ מלך אויפן טראָן.
אונדזערע פּרינצן אויך דערנעבן.
קען דען שענערס זיין פון דעם?

זי:

די שבתים וועל איך מאַכן יידיש.
פיש און פליייש, חלה, וויין אויף קידוש.
עסט מען, טרינקט מען,
זמירות זינגט מען.
אוי, ווי שיין דאָס מיר געפעלט.

ער:

כ׳וועל אָפּהיטן אַלע יידישע זאַכן,
לויט די דינים וועל איך אַלעס מאַכן.
מיט אַ כוס מלא
קידוש הבדלה.
מיר וועלן וויסן פון אַ וועלט.
פרייטיק צונאַכטס וועל איך זינגען
כל מקדש שביעי כראו לו.

זי:

אוי, דאָס געפעלט מיר. ס׳איז שיין אַזוי.

ער:

די זמירות, ניגונים, אין שטוב ווערט פריילעך.
דו וועסט זיין מלכה און איך וועל זיין מלך.

ביידע:

נאָכן בענטשן קריאת שמע לייענט מען,
גייען די ליכטלעך אוים.
ס'ווערט שוין שפּעט און שלאָפן גייט מען.
ס'ווערט שטיל אין הויז.
דאַן קומט מנוחה, שבתדיקע רו,
ביז עס קומט דער שבת אין דער פרי,
איז ערשט ושמחה, שבת קודש הוא.
אור ליהודים זינגען מיר זיך צו.

אשת חיל

שבת-לידער

אשת חיל

לויט הערשל בראָדער (הערשל בדחן). באַארבעט פון שלמה פּריזאַמענט.



(צושפּיל)

אַן אשת חיל איז אַ גליק,
ווער עס האָט די זכיה.
האָב איך אַ ווייבל אַן אַנטיק,
די אמתע מציאה.

I

ווי כ'האָב זיך באַקענט מיט איר,
שטאַרק געפעלן איז זי מיר באַלד.
כ'בין, האָט זי געזאָגט צו מיר,
נאָך קיין אַכצן יאָר נישט אַלט.
נאָך דער חופּה כ'האָב דערזען,

ניש קיין אכצן, נאָר געוויין
איז זי אכטאונדרייסיק שוין.

(צושפּיל)

II

צרות האָב איך — אוי, אוי, אוי,
זייט איך האָב זי נאָר דערקענט.
אַ גאַנצע וואָך — דאָס עסן רוי.
דער טשאָלנט, שבת, איז פאַרברענט.
גאַנצע טעג זי קוקט אין שפּיגל,
ווי אַ חורבה איז מיין הויז.
מאַכט זי פריטיק שוין אַ קוגל,
וואַרפט מען שבת אים אַרויס.

(צושפּיל)

III

מיט די שכנים פירט זי קריג,
אַז אויף רעדער גייט דאָס הויז.
בעט איך זי: זאָל זיין גענוג,
לאָזט זי אַלץ צו מיין קאָפּ אויס.
גאָט, אוי, ווי באַהאַלט מען זיך,
זי פאַרשרייט מיך אומעטום.
פון די קולות טויב ווער איך
און מיין ווייב ווערט אַלץ נישט שטום...

(צושפּיל)

שלום עליכם, גוט שבת

(געזונגען פון יונה רייזמאַן, שלום פּאַדזאַמטשע (1895־1897): אין דער קאָמעדיע „דער אורח").



ביידע:

שלום עליכם, מלאכים מיינע,
שלום עליכם, מלאכים שיינע,
שלום עליכם, ווייב און קינד,
שבת קודש איז אצינד.
שלום עליכם, ליבע פריינט,
שבת קודש איז דאָך היינט.
שלום עליכם, זיידעס, באבעס,
שלום עליכם, גוט שבת!

איינער:

אַ גאַנצע וואָך,
ווי אין אַ יאָך,
איינגעשפּאַנט איז יעדער ייִד.
ער לויפט און יאָגט,
פאַרדאגהט, פאַרפלאָגט,
ביינאַכט קומט ער אַהיים מיד.
אָבער שבת, פריילעך
איז ער, ווי אַ מלך.
פון קבלת שבת ער קומט פון שיל.
דאָס ווייבל זעט ער,
און אַ דערפרייטער,
זינגט ער שלום עליכם מיט געפיל: אוי, אוי.

ביידע:

שלום עליכם.
(ווי אויבן, ביז „גוט שבת”)

מנוחה ושמחה

(געזונגען פון שלום פּאָדזאַמטשע)



I

א מתנה שיין
האָט אונדז גאָט אליין,
צו פאַרזיסן אונדזער לעבן,
שבת קודש אונדז געגעבן.
מיר זאָלן האָבן מנוחה,
און זאָל זיין ושמחה,
אוי, מנוחה; אוי, ושמחה,
אור ליהודים.

II

מיט זיין שטאַרקער האַנט,
געפירט אין אונדזער לאַנד,

האָט יהושע, זיין שליח.
אַ פאָלק געוואָרן אין דער היים ביי זיך.
איז געוואָרן מנוחה,
איז געוואָרן ושמחה.
אוי, מנוחה; אוי, ושמחה,
אור ליהודים.

III

וועק די שיינע צייט.
פאַרטריבן אַזוי ווייט.
אַרומגעוואַנדערט האָט דער ייִד.
נאָר שבת קודש האָט ער אָפּגעהיט.
ס'איז נישט געווען קיין מנוחה,
פאַרשטערט געוואָרן זיין שמחה.
אוי, מנוחה; אוי, ושמחה,
אור ליהודים.

IV

ברודער, גלויב און האָף;
נעמען וועט אַ סוף,
דער גלות וועט אייביק נישט דויערן.
אונדזער בטחון איז נישט פאַרלוירן,
אַז זיין וועט ווידער מנוחה,
זיין וועט ווידער ושמחה.
אוי, מנוחה; אוי, ושמחה,
אור ליהודים.

דעם ייִדנס זמירות

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פּריזאַמענט)



I

אַ תענוג איז געווען
יעדן פרייטיק אויף דער נאַכט,
ביים טיש פון מיין פרומען זיידן;
זיין שלום עליכם, דעם קידוש ווי ער האָט געמאַכט
די זמירות, טעם גן־עדן. אוי.

(צושפיל)

מנוחה ושמחה האָט געקלונגען
לעבעדיק, איי, איי,
קינדערלעך, אייניקלעך מיטגעזונגען,
די שכינה האָט גערוט אויף זיי.
דער זיידע שרייט:
פריילעך זייט,
מיט די הענט קלאַפּט־צו, אוי, טאַטע זיסער.
היינט איז צייט
פון פרייד,
שבת קודש הוא.

II

דער זיידע קומט אַמאָל
טרויעריק פון דער שיל צוגיין.
אַ גזר אויף יידן לאָזט זיך הערן.
דאָס האַרץ פאַרביטערט;
נאָר זמירות זינגט ער שיין,
כדי דעם שבת נישט פאַרשטערן. אוי.

(צושפיל)

מנוחה ושמחה האָט געקלונגען
טרויעריק, אוי, ווי,

קיינער ביים טיש האָט נישט געזונגען,
נאָר געשוויגן האָבן זיי.
דער זיידע שרייט:
פריילעך זייט,
מיט די הענט קלאַפּט־צו, אוי, טאַטע זיסער.
היינט איז צייט פון פרייד,

III

שבת קודש הוא.
אַוועק דער בייזער גזר,
מיטן שונאס שנאה.
אויפגעשיינט האָבן אַלע צורות,
מנוחת שבת גערוט האָט די שכינה
ביים זיידנס זינגען זמירות. אוי.

(ערשטער צושפּיל)

שבת נאָכן קוגל

(אַ פאָלקס־לידל, געזונגען פון בראָדער זינגער)



שבת נאָכן קוגל
גיי איך מיר אין געסט,
גיי איך מיט מיין כלה,
געאָרעמט ביידע פעסט.
באַלד קוקט מען פון די פענצטער
פון איעדן הויז.
פאַר קנאה קריכן אַלע } (ביס)
די אויגן שיער אַרויס.

מיר גייען הינטערן שטעטל
שפּאַצירן פּאַזע טייך.
פון אַלע יונגע פּאָרלעך

איז קיינער אונדז נישט גלייך.
זי טראָגט אַ ניי קליידל,
פאַרפלאָכטן אירע צעפּ.
זי איז דאָס שענסטע מיידל, } (ביס)
זי קען פאַרדרייען קעפּ.

ליב האָט זי מיך איינעם.
איך בין עס ווערט, זאָגט זי.
ווייל כ׳בין אַ שיינער בחור,
אַ שטאַרקער אויך דערצו.
איך חלש כ׳וויל זי נעמען,
אַ חופּה שטעלן אויך.
און קלעזמער וועלן שפּילן, } (ביס)
עס וועט אַזש גיין אַ רויך.

די מאַמע וועט אונדז געבן
צוויי קישנס און אַ קלייד,
אוי, וועט זיין אַ שמחה,
אוי, וועט זיין אַ פרייד.
און קלעזמער וועלן שפּילן
און טאַנצן וועט מען פעסט,
און שבת נאָכן קוגל — } (ביס)
ווידער גיין צו געסט.

ויתן לך

(באַרבעט פון ש. פריזאַמענט, לויט אַ לידל פון די בראָדער זינגער)



I

ווי איך מאַך נאָר אָפּ הבדלה,
מאַכט מיין אשה אַ געוואַלד.

אַ געפּילדער, אַ בהלה,
געלט גיב איר, און דאָס שוין, באַלד.
ס׳קומט פאַר קוילן,
פאַרן בעקער,
פאַר קאַרטאָפּל,
פאַרן העקער,
פאַר דער דירה,
פאַרן שניידער,
פאַרן שוסטער,
פאַרן בעדער.
גזלן, געלט גיב אַהער!
זאָג איך מיין אשת חיל, הער:

(רעפריין)

ויתן לך,
געלט איז נישטאָ.
ס׳וועט נישט העלפן
דיר דיין שרייען,
ווייבל, נישט פאַרגעס,
דו רעדסט דאָך צו אַ מת.
מעגסט אפילו
שרייען חי וקיים!

II

און איך בין געבענטשט מיט קינדער.
כ׳ווייס אליין נישט וויפל כ׳האָב!
דאַכט זיך דרייצן ביז אַצינדער.
גיי, געדענק זיי אויפן קאָפּ!...
ס׳ווייב שרייט:
חנה דאַרף אַ קליידל,
איציק — שיכלעך,

משה — אַ דריידל,
ביילע — אַ מאַנטל,
שרהקע — זאָקן,
לייבקע מאָזלט,
הערש האָט פּאָקן!...
גזלן, געלט גיב אַהער!
זאָג איך מיין אשת חיל, הער:

(רעפריין)

נאָך הבדלה

(געזונגען פון יונה רייזמאַן, שלום פּאַדזאַמטשע, יואל גלאַנץ, א״א)



אַלע:

אַ גוטע וואָך, אַ ליבע וואָך,
זאָל קומען אויף אונדז אַצינד.
אליהו הנביא זאָל קומען באַלד
און זאָל אונדז בענטשן אַלע מיט געזונט.

I

סאָלאָ:

אַ גאַנצע וואָך,
ווי אין אַ יאָך,
אַרבעט און מי —
די איינציקע טרייסט,
שבת זי הייסט,
אַביסעלע רו.

דועט:

גייט דער שבת אַוועק,
איז אוים בן חורין, אַן עק.
מ׳דאַרף זיך נעמען שוין צום תוך,
המבדיל בין קודש לחול —
אין האַרצן ווערט וואָכעדיק, הויל;
דאגות פּרנסה אויף דער נייער וואָך.

אַלע:

(רעפריין)

II

סאָלאָ:

דער זון־אונטערגאַנג...
ווי טוט עס באַנג.

אוים שבת-קרוין.
מנוחה און שלום —
אוועק ווי אַ חלום,
די וואָך זי קומט שוין...

דועט:

עונג שבת נישטאָ,
אַ טרייסט ויתן לך,
עס גייט אַ נייע וואָך מיט גליק.
און הנה לא ינום — נישט קלער,
העלפן אוודאי וועט ער,
ביז דער ליבער שבת קומט צוריק...

אַלע:

(רעפריין)

משיחן אַנטקעגן

חסידישע לידער

משיחן אַקעגן

באַארבעט פון שלמה פריזאַמענט.

(געזונגען פון סאַלציע בעשטענדיק, קלאַרא דעסער, גאָלדע צענגוט)



I

אין אַ זומער־טאָג אַ הייסן,
מ׳לויפט אויף אַלע וועגן.
דער רבי האָט געהייסן
משיחן גיין אַקעגן.
דער גבאי שרייט אין רבינס נאָמען:
איילט אייך, קינדער, גיך!
לאָזט איבער אַלע הייזער, קראָמען,
און קומט אַקעגן משיח!

II

נישט גערירט פון אָרט זיך,
האָט שוסטער בערל דראַטווע.
זינגענדיק פאַרלייגט ער
אַ לאַטע נאָך אַ לאַטע.
דער שייגאַץ, ער זאָגט, איך זע נישט,
אַז עס קומט משיח.
טאָ לויפט איך חסידים, לויפט נגידים,
איך בלייב לאַטען שיך...

III

פון פאַרנט גייט דער רבי,
דערנעבן — ווער ס'איז רייכער.
פּראַצעמטניקעס, בעל־טאַקסעס,
סאַמע שווערע בייכער.
מ'גייט און גייט, עס בייגן זיך
די פּיס ביי יעדן איינעם.
מ'קוקט און קוקט זיך ד'אויגן אויס,
און — מ'זעט נישט קיינעם...

IV

האָט דערזען דער גבאי,
— אָט איז משיח — שרייט ער —
מיט דער באָרד דער ווייסער,
אויפן בערגל שטייט ער.
און אַלע לויפן באַרג אַרויף
נאָר הערט דעם שטנס העזה:
— נישט משיח, נאָר ס'איז געווען —
גאָר אַ ווייסע קאָזע...

V

צעבראָכן איז דער עולם
פאַרטאָג געקומען צו שפּאַנען,
און בערל שוסטער, פריילעך,
פון שלאָף איז אויפגעשטאַנען:
„גוט מאָרגן, ייִדן, ווו איז משיח?״ —
פרגעט בערל תמעוואַטע...
עולם שווייגט און בערל לאַכט,
לייגט אויפן שטיוול אַ לאַטע...

חסידימלעך

(געזונגען פון שרה קאַנער)



משכילים, די געבילדעטע,
זיי רופן אונדז פאַרווילדעטע,
גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד...
מיר זענען די אַזיאַטעלעך...
און זיי זענען די לייטעלעך?
זיי זאָגן, אַז מיר זענען נישט געשייט;
זענען עובר כל עבירות,
האַלטן נישט פון כשרות,
שבת איז אַ וואָכנטאָג ביי זיי.
קיין קידוש און קיין זמירות.
ס׳איז טרויעריק אין די דירות,
ס׳איז אַ לעבן, אוי, אַז אַך און ווײ...
היינט, זייערע ווייבעלעך, אוי...
יידישקייט פאַרשטייען זיי נישט.
בענטשן נישט קיין ליכט, אוי...
אין מקווה גייען זיי נישט.
פרעג איך אייך אליין:
צי דאַרף אַזוי צו זיין?

(צושפּיל)

אָבער ביי אונדז, חסידימלעך,
איז אַ מחיה דאָך.
עס קומט דער שבת קודש,
די ענדע פון דער וואָך,
די קנישעלעך,
די פישעלעך,
די יאַכעלעך,
די מאַכעלעך,
היינט — דער צימעס,
דער ראָזשינקע-וויין...
אַלע מיינע קינדערלעך,
ווי ערלעך און ווי פיין,

קריכן מיט די הענטעלעך
אין טעלערלעך אריין.
און נאָך דעם סעודהלע,
זמירות, אַ שיין לידעלע,
ווי ווויל און ווי פיין,
איז אַ חסידל צו זיין...

דער פריילעכער חסיד

גענומען ביים בראָדער זינגער יואל גלאַנץ (פיטשע)



I

ששון ושמחה, פאַטער געטרייער,
אַ יידיש זמרל, דאָס ברענגט אַ חיות.
מלוה מלכה, לחיים, ווי טייער,
דעם טעם פילן קיינמאָל נישט די הולטאַיעס.
דערצו האָב איך דורך דיינע וווּנדער,
אַ ווייב אַ צנועה, אַ האלב טוץ קינדער.

II

די היינטיקע פאַרבייטן זייערע נעמען משונה,
ברוך הייסט ביי זיי בוראַק.

יענטע — הייסט גאָר קאַראָלינע;
און איציק איז ביי זיי אַ גאַנצער זאַק [1]
אָבער אונדזערע ווייבער הייסן שפּרינצע, דוואָשע,
קיילע, ביילע, יאַכנע סאָשע!

III

זיי גייען מיט די ווייבער אין טריאַטער,
ריידן נישט קיין יידיש, נאָר אַט אַזוי.
זי רופט אים: „מיין הער גובערנאַטער",
און ער? — פאַרדאָן מיין געשעצטע פרוי...
אָבער איך מיט מיין ווייב ריידן יידיש גאָר,
איך זאָג: שלימזלניצע; זאָגט זי: שוואַרץ יאָר.

IV

זייערע פריילנס ווערט מען אין גיהנום שמייסן,
ווייל זיי גייען אויף די בעלער מיט בחורים טאַנצן,
אויסגעפּוצט ווי די פּריצים אין ווייסן.
און מ'זעט אַרום דעם יצר־הרע אינגאַנצן.
אָבער אונדזער ווייבער, מיט אַ חסיד אַ הייסן,
אַ מצווה־טענצל — ווי מיר ווייסן...

[1] איזאַק.

אַ פּראָסטע שאלה

(באַאַרבעט פון שלמה פּריזאַמענט לויט יונה רייזמאַנס רעפּערטואַר.
מחבר אומבאַקאַנט)



I

די פּוסטע פּראַנטן, זיי פרעג איך:
פאַר חכמים האַלט איר זיך,
איר מאַכט אַלעם נאָך די גויִים,
פּונקט ווי מאַלפּעס אַליין נאָכטאָן,

נאָר עס העלפֿט נישט וואָס איר טוט.
איר זענט אַלץ ביי זיי אַ זשיד.
בלאָנדזשעט איר צווישן וועגן,
נישט אַהער און נישט אַהין. נו?
פֿרעג איך זיי אַ פּראָסטע שאלה,
צו וואָס טויג אייך זיין פֿארשטעלט,
אַז איר האָט נישט קיין שום מעלה,
צו וואָס זשע לעבט איר אויף דער וועלט?

II

דו, קאָרגער עושר, ענטפֿער מיר,
שטענדיק איז פֿאַרמאַכט דיין טיר.
זיצסט און ציילסט נאָר דיינע רענדלעך,
שענקסט קיינמאָל קיין שטיקל ברויט.
חברה קדישא וואַרט דערויף,
אַז ס'זאָל קומען שוין דיין סוף,
ווייל מ'האָט הנאה פֿון אַ חזיר
דעמאָלט ערשט ווען ער איז טויט.
פֿרעג איך אים אַ פּראָסטע שאלה:
צו וואָס געקליבן אַזוי פֿיל געלט?
אַז דו האָסט נישט קיין שום מעלה,
צו וואָס זשע לעבסטו אויף דער וועלט?

דער אַרענדאַר און זיין זון

(אַ סצענקע פון ש. פריזאַמענט)

פון הירש בראָדערס (הערשל בדחן) זאַמלונג.

די פאַרשוינען:

1) דער אַרענדאַר (אַ פאַרגרעבטער ייִד מיט אַ קאַלטענעוואַטער באָרד און פּיאות).

2) דער זון (אַ משכיל, מאָדערן געקליידט). צייט: 1885

אַרענדאַר: (אַליין)

נאַ, ברוך רופא חולים! אבי מיין סינאַק קומט שוין. ווער ווייסט וואָס פאַרא טריפהנע מצוות ר'האָט דאָרט אין דער שטאָט אויסגעלערנט, אוועק פון דער היים — ס'דאָרף איז אים נישט געפעלן... האָב איך געשריגן, האָט ער געטאָן ווי ס'שטייט ביי קורחן אין מחזור, וילך חרנה, ר'איז אוועק אַ ברוגזער... (עס הערט זיך אַ וואָגן אָנקומען). אהאַ, וידבר, ר'איז געקומען!

דער זון:

שלום עליכם, טאַטע.

אַרענדאַר:

עליכם ועל בניכם... (באַטראַכט אים) וויי צו מיינע יאָר... איכה ישבה... ווי זעסטו אויס? דאָס ביסטו, מיין בן אם הבת? זעסט דאָך אויס ווי דעם דאָקטערס סינאַק, אַט דער טריפניאַק, דער מוכר ישראל...

דער זון:

שרעק זיך נישט, טאַטע, דיין זון איז נישט קיין מוכר און נישט קיין עוכר, כ'בין דער זעלבער וואָס געווען.

אַרענדאַר:
אַ ייִד, אָן סימני נערות פון באָרד און פּאות? ווײ איז מיר! כ'האָב אָבער געוווּסט, אַז די גרויסע שטאָט וועט דיך איבערדרייען.

(געזאַנג. מיטן ניגון פון אקדמות)

אַרענדאַר:
ס'איז שוין באַלד אַוועק צוויי יאָר,
אַז דו ביסט אין דער היים געווען.
אין שטאָט, צווישן די טריפניאַקעס,
זאָג, וואָס האָסטו דאָרט געזען?

דער זון:
כ'האָב געזען אַ וועלט אַ נייע,
כ'זאָג דיר, טאַטע, ס'אַ מחיה.
נישטאָ דאָרט אונדזער גבאי ר' שמעיה,
מיט זיין חסידישער חבריא.
מענטשן לעבן דאָרט זיך פרייע.

אַרענדאַר:
איך פאַרשטיי וואָס פריי הייסט גאָר,
ס'איז אַ קלאָג שוין צו די יאָר.
אַז אין מקווה גייט מען נישט,
שימען (שמונה) עשרה שטייט מען נישט.
עולם (עולה) תורה איז מען נישט,
יום כיפּור פאַסטן מוז מען נישט,
אתרוג, לולב, ניצט מען נישט,
ביי קיין סדר זיצט מען נישט,
די פיר קשיות פרעגט מען נישט,
און קיין תפילין לייגט מען נישט,
אַרבע כוסות טרינקט מען נישט.
שבת־זמירות זינגט מען נישט.
ווּ איז ייִדישקייט, איך פרעג,
מיט וואָס פאַרברענגט מען נעכט און טעג?

דער זון:

די טעג פֿאַרברענגט מען גאָר נישט שלעכט,
ס׳איז אויך פֿריילעך גאַנצע נעכט,
און ייִדישקייט איז אויך דערביי.
אַ סך מצוות האַלטן זיי.
פּסח — קניידלעך צו דער יויך,
פּורים — המן־טאַשן אויך!
חנוכּה — ליכט פֿאַרגעסן זיי,
אָבער לאַטקעס עסן זיי!
אויך פֿון שבֿועות ווייסן זיי.
קרעפּלעך קאָכן הייסן זיי.
פֿרייטיק אויף דער נאַכט, ביים טיש,
ייִדישע געפֿילטע פֿיש,
קידוש מאַכן — אָך, צו וואָס?
אָבער טרינקען — אָן אַ מאָס.

אַרענדאַר:

הייסט עס ייִדישקייט, איך פֿרעג?
אַז אָך און וויי צו זייערע טעג,
אוי, וועט מען אין גיהנום,
בראָטן זיי און ברענען,
ס׳וואַרט שוין דאָרט דער נישט גוטער,
מיט די פֿייערדיקע ריטער,
פּעך און שוועבל גרייט דער שטן,
הייסע סמאָלע זיי צו בראָטן...

דער זון:

קיינער האָט דאָס נישט געזען.
קיינער קומט פֿון דאָרט נישט צו גיין.
אָבער דאָ — מ׳זעט דאָך,
מ׳לעבט דאָך, מ׳פֿאַרשטייט דאָך!
די וועלט איז אַזוי שיין —
איז חי געלעבט זאָל זיין!

די אפּיקורסים

(חסידיש)

ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט. געזונגען פון פּעפּי ליטמאַן



I

די אפיקורסים, ווילע יונגען,
זיי וועלן פון דער הויט אויפשפרינגען,
ווען דער שופר של משיח וועט זיך לאָזן הערן.
אויף אַן אייזל, פון דער ווייטן,
וועט משיח קומען צו רייטן,
וועלן זיי פאַר שרעק און מורא באַלד צעטומלט ווערן.
אין זיידענע קאַפּאָטעס, חסידים,
אַ שטריימל טראָגט איעדער.
נשים טראָגן שטערנטיכלעך,
שבתדיקע קליידער.

(רעפריין)

פאָלגט זשע מיך,
און ווערט חסידים גיך,
טוט אָן איעדער
יידישע קליידער,
איר זאָלט אויסזען שיין.
דעמאָלט וועט איר,
זוכה זיין, ווי מיר,
מיט חסידים, תלמידים,
רבנים, דיינים,
משיח אַקעגן צו גיין...

II

די וואָכנטעג, זיי וועלן אויפהערן.
ס'גאַנצע יאָר וועט יום-טוב ווערן.
מ'עט נישט דאַרפן זיין קיין סוחר, נישט קיין בעל-מלאכה.
ווייַן וועט פון די טייכן רינען.

דער לויתן וועט קומען צו שווימען,
דער שור הבור וועט זאָגן אָמן צו דעם שוחטס ברכה.
אַלע ביימער וועלן זיין פידלען,
סמיטשקעס — אַלע צווייגן.
זיי וועלן שפּילן, מיר וועלן זינגען,
אפּיקורסים וועלן שווייגן.

(רעפריין)

פון איין מחזורל

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט. געשריבן פאַר פעפי ליטמאַן,
לעמבערג 1907)



I

מ׳ווייסט גאַנץ גוט,
מ׳טרעפט אַ ייִד,
וואָס מישט זיך אומעטום אריין.
ווו נאָר צוויי,
מוז ער דערביי,
תמיד דער דריטער זיין.
שמעקסטו טאַבעק, גיט ער אויך אַ שמעק,
און ניסט דיר אָן אַ פול פּנים;
לעקסטו האָניק, גיט ער אויך אַ לעק,
אוי, ייִדן זענען בני רחמנים.
אין שיל, ווער שמועסט, האָסטו קיין רו.
באַלד שאַרט זיך איינער צו דיר צו,
און זאָגט דיר אין דער שטיל:
איי...
לאָמיר ביידע דאַווענען פון איין מחזור.

II

חיים שמואל,
און גבריאל,
קריגן זיך דאָס גאַנצע יאָר.
סוחרים צוויי,
זענען זיי,
קאָנקורענטן גרויסע גאָר.
חיים שמואל שרייט: שווינדלער,
דו נאַרסט אָפּ די גאַנצע וועלט.
דיין מסחר ווערט דאָך פאַלש געפירט.
ענטפערט אים גבריאל:
דו נאַרסט אויס ביי מענטשן געלט
און האָסט שוין זיבן מאָל אוודאי באַנקראָטירט.

יום־כיפור זאָגן זיי:
וואָס דאַרף מען קריגן זיך?
איך בין ערלעך ווי דו,
און דו אַזוי ווי איך.
און סודען זיך ביידע גאַנץ שטיל.
איי...
לאָמיר ביידע דאַווענען פון איין מחזורל.

די אַפּגענאַרטע וועלט

(ווערטער און מוזיק פון ש. פּריזאַמענט. פון הערש בראָדערס
(הערשל בדחן) רעפּערטואַר)



I

אַז אַ סוחר וועט אייך שווערן,
מיט כלערליי שבועות,
אַז ער פאַרקויפט אייך אונטערן קרן,
איר כאַפּט לויטער מציאות;

וווּ־זשע נעמט ער אַזאַ פאַרמעגן?
גיט ער אייך צו פאַרשטיין,
אַז דער אייבערשטער העלפט אים פון אויבן.
און פון אונטן העלפט ער זיך אַליין.

(צושפּיל)

אוי, אַן אָפּגענאַרטע וועלט,
שקר וכזב, פאַרקערט און פאַרדרייט,
מענטשן זענען היינט פאַרשטעלט, } ביס
אַזוי ווי אין פּסוק שטייט. }

II

ווען יוסף איז געווען אין מצרים.
וואָס האָט מיט אים געטראָפן?
פּוטיפרס ווייב האָט אים אַרומגענומען,
האָט ער זיך אויסגעריסן און אַנטלאָפן.
אָבער היינטיקע בית־המדרש־בחורים,
צי יוסף, צי זרח, צי ברוך,
אַז ער זעט דורכן פענצטער גיין אַ בתולה,
פאַרגעסט ער אין שולחן ערוך.

(צושפּיל)

III

חנה ביילע שטייט און טענהט
מיט אַ בחור פון דער ישיבה.
ער רעדט פון גאָט און פון ציצית
און זי מאַכט מינעס ווי אַ נאַיִווע.

פּלוצים, האָט דער בחור, נישט ווילנדיק,
אָנגערירט די האַנט ביי חנה ביילע.
זי שרייט „אָן הענט", יונגערמאַן!
אַ קוש איז עפּעס אַנדערש. נו, מילא!

(צושפּיל)

ווין, דו טריפה ווין

(געזונגען פון סאַלצי דעסער)



קומען קיין ווין יונגעלייט שטודירן,
פון לעמבערג, קראָקע צי פון קאָלאָמיי,
די פאות זיי שערן, די בערד זיי ראַזירן.
און אַזוי ווערט אַ תל פון זיי.

דאָרט איז שולט דער רוח הטומאה.
דער יצר הרע פירט זיינע שטיק.
שלעפט דעם בחור אויף וועגן קרומע.
אהיים א גוי קומט ער צוריק.

(צושפיל)

ווין, ווין, דו טריפה ווין;
ווייסט נישט פון קיין ייִדישקייט.
ווער עס קומט צו דיר אהין,
ווערט אינגאנצן איבערגעדרייט.

שטייט דאָרט א רב מיט א צעלענדער,
אין סינאַגאָגע. ס׳הייסט ביי זיי א שיל.
דער חזן, ער טראָגט דאָרט א טענדע ווארענדע,
מיידן זינגען מיט אן אָרגל־שפּיל.
דייטשמעריש רעדט דער ראבינער.
עפּעס זאָגט ער, כ׳ווייס נישט וואָס.
דאָס איז דאָס ייִדישקייט, דאָס ווינער.
אז וויי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס.

(צושפיל)

מענן די מתנגדים לאַכן...

(באַארבעט פון שלמה פריזאַמענט לויט אַן אַלט לידל, געזונגען פון שלום פאַדזאַמטשע)



ווען איך בין ביי מיין רבין צום ערשטן מאָל געווען,
הערט אַ מופת פון אַ תלמיד חכם.
כאָטש ס'האָט מיך דער רבי נאָך קיינמאָל נישט געזען,
האָט ער געוווּסט, אַז איך הייס משה נחום.
ער האָט אפילו נישט געעפנט די אויגן זיינע,
און דערזען האָט ער אַלצדינג. ס'איז ממש אַ וווּנדער.
דו ביסט, זאָגט ער, אַ גרויסער קבצן, לא עלינו,
פרנסה האָסטו ווייניק, נאָר אַ סך קינדער.
אוי, אוי, וויי.

(צושפיל)

מעגן די מתנגדים לאַכן.
ווער קען נאָך אַזעלכע זאַכן?
מופתים ווייזן קען נאָר ער אַליין.
איך קען ביי באָרד און פאות שווערן,
אַז איר וועט נשתומם ווערן,
דאָס וואָס איר וועט ביי מיין רבין זען.

דו, גיב זיך, זאָגט דער רבי, צום מסחר נאָר אַ נעם.
אויף יאָרידים האַנדל, צי מיט פערד;
איך האָב געפאָלגט דעם רבין. און ס'גייט מיר ברוך השם,
ס'האָט זיין ברכה מזל מיר באַשערט.
זע, מתנגד, ס'האָט דער רבי גוט געראָטן מיך;
געהייסן מיר מיט פערד האַנדלען, און כ'בין גליקלעך גאָר.
ענטפערט מיר דער אפיקורס: וואָס וווּנדערסטו זיך!
דער רבי האַנדלט דאָך מיט פערד אַלע זיינע יאָר...
אוי, אוי, וויי.

(צושפיל)

שמחות ביי ייִדן

די אָרעמע חתונה

(פון שלמה פריזאַמענט. לויט אַ לידל פון די בראָדער־זינגער)



הערט וואָס איז ביי אונדז געשען.
אַ חתונקע איז ביי אונדז געווען.
צוויי יתומים חתונה געמאַכט,
מ'האָט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט.

חתן־כלה, צוויי קבצנים,
נאָר ייִדן זענען בני רחמנים,
נאָך אַ מויד דעם קאָפּ אָפּשערן,
זאָלן זיך ייִדישע קינדערלעך מערן.

ווי דער בדחן באַזינגט די כלה,
גיסן טרערן ווייבער אַלע,
ביים חתן טרויעריק איז די צורה,
ער טראַכט מכוח פרנסה און אַ דירה.

כלי־זמר, שפּילט אַ פריילעך שטיקל,
משה, שמואל, גענענדל, ריקל,
לעבעדיק ווערט אַ געשריי,
ביזן סטעליע שפּרינגען זיי.

לעקעך, בראָנפן, גרייט פאַר אַלע,
אַ יאַיכעלע פאַר חתן־כלה,
ברויט מיט הערינג צוגעגרייט,
עסט און טרינקט געזונטערהייט.

געטאָן אַ מצווה, יוצא געווען.
שפּעט, מ׳דאַרף שוין אַהיים גיין.
אַ גוטע נאַכט. מיט מזל זאָל זיין.
חתן־כלה בלייבן אַליין.

וואָס זשע וויינסטו, כלה מיינע?
אַ שאָד די שיינע אויגן דיינע.
ס׳גייט פאַר אונדז אַ נייער לעבן.
אַ גאָט איז דאָ, וועט ער שוין געבן.

יחוס און געלט

(ווערטער און מוזיק פון ש. פריזאַמענט. לויט אַ סצענקע פון די
בראָדער־זינגער)



קול חתן וקול כלה,
דאָס שטעטל גייט אויף רעדער.
דעם חתנס פאָטער איז אַ רב,
דער כלהס טאַטע — אַ בעדער.
מיט נדן זענען די מחותנים
באַלד אדורכגעקומען.
דער רב גיט נדן זיין יחוס...
און דער בעדער גיט מזומן.

דער לאַנגער, דאַרער חתן,
אַ שוואַכער, נאָר אַן עילוי.
אַ קורצע, נאָר אַ ברייטע כלה,

איציק בעדערם בתולה.
ווי אַ קאַטשקע קאַטשעט זי זיך,
און ער קריכט פּאַוואָליע.
דאָס פּאָרל צוגעפּאַסטע:
אַ לאָקש מיט אַ פּאַסאָליע.

דעם חתנס מחותנים,
דער זיידע, רב מיכאל,
לויטער מיוחסים. אויך
ר׳ כאַצקל, ראש הקהל.
ר׳ איצעלע, דער דיין,
מיט חסידים און בטלנים,
אין בעקעשעס און שטריימלעך,
באַלעבאַטישע קבצנים.

דער כלהס מחותנים,
אין שטיוול און קאַשקעטן,
ווילע יונגען, אויסגעפּוצט,
פון שטעטל די פּאַצעטן.
נאָר די חסידים, זיי צעשטערן
זייער פרייד אינגאַנצן.
מ׳לאָזט נישט די יונגאַטשעס
זאָלן מיט די מיידן טאַנצן.

צופרידן ביידע צדדים,
צד חתן און צד כלה,
דער רב, דער בעדער, חסידים יונגען,
פריילעך טאַנצן אַלע.
דער בעדער איז שוין אַ מיוחס,
ווי אַלע שיינע יידן.
דער חתן מיטן נדן —
איז אוודאי גאָר צופרידן.

וועמען זאָל מען נעמען?

(דועט)

(פון שלמה פריזאַמענט, לויט אַ סצענקע פון משהלע היבניוועך)



ערשטער:

נעמען זיך אַ יונגע בתולה?
ניין, דאָס טאָן מען נישט, חלילה,
ווייל דו קענסט נישט וויסן, ניין,
וואָס פאַר אַ ווייב זי וועט דיר זיין.

ביידע:

איינשטעלן ס'לעבן ווילט זיך נישט,
אַזאַ שידוך איז נישט גוט.
נו, וועמען זאָל מען נעמען? } (ביס)

צווייטער:

נעמען זיך אַן אַלמנה?
איז אַ פּחד, אַ סכּנה,
איין מאַן איז אין דר'ערד אריין,
קען דער צווייטער אים נאָכגיין...
איינשטעלן ס'לעבן ווילט זיך נישט,
אַן אלמנה איז נישט גוט.

ביידע:

נו, וועמען זאָל מען נעמען? } ביס

ערשטער:

אפשר נעמען גאָר אַ גרושה?
וואָס דער מאַן האָט זי געגט,
איז אַ שאלה אויף דער אשה,
דער רוח ווייסט פאַר וועלכן חטא...
איינשטעלן ס'לעבן ווילט זיך נישט,
אַ ווייב אַ גרושה איז נישט גוט.

ביידע:

טאָ, וועמען זאָל מען נעמען? } ביס

צווייטער:

אַ ווייב וואָס האָט אַ מאַן, אָט זעסטו,
קען שוין גוט זיין, ווייל פאַרשטייסטו,
אויב זי איז פאַר איינעם רעכט,
איז זי פאַר אַ צווייטן אויך נישט שלעכט.
הייסט זי אָבער אַן אשת איש,
און וואָס מע טאָר נישט, טאָר מען נישט.

ביידע:

טאָ, וועמען זאָל מען נעמען? } ביס

ערשטער:

כ׳האָב פאַר דיר אַ פּלאַן אַ פיינעם,
נעם אַ ווייב פון מושב זקנים.
ווערסטו זיכער זיין דערביי,
אַז זי וועט דיר זיין געטריי.
קודם ווערסטו האָבן רו,
אַז קיינער נעמט זי דיר נישט צו.

דער שדכן און די מויד

(דועט)

(ווערטער און מוזיק פון ש. פריזאַמענט. געשריבן פאַר יונה רייזמאַן
און סאַלצי וויינבערג, ווין 1914)



שדכן:

אַ גוט מאָרגן חנה ציפּע,
יענער איז אַוועק,
יענער איז אַוועק,
גיב איך דיר אַ צווייטן חתן
און אַ סוף, אַן עק. } ביס

חנה ציפע:

און דער צווייטער, ווי דער דריטער,
אַלע זענען שלעכט,
אַלע זענען שלעכט,
מאַנסבילן זענען אַלע ביטער, } ביס
טריפה, ווי די לעכט. }

שדכן:

אמת איז, אַז היינט אַ בחור
איז, דער רוח ווייסט וואָס,
איז, דער רוח ווייסט וואָס,
כ׳האָב פאַר דיר אַ גרוש, הערסט? } ביס
אַ פאַרטיקער באַלעבאָס. }

חנה ציפע:

אַ גרוש נעמען, אַ געגטן?
ניין, ר׳ שדכן, ניין,
ניין, ר׳ שדכן, ניין,
און דערצו נאָך אַ גערעדטן? } ביס
ליבע — דאָס מוז זיין! }

שדכן:

שאַ, איך האָב פאַר דיר אַן אלמן,
קומסט צום גרייטן גאַר,
קומסט צום גרייטן גאַר,
מיט באַלעבאַטישקייט, אַ דירה, } ביס
קינדער אויך אַ פּאַר. }

חנה ציפע:

דאָרט אַ גרוש, דאָ אַן אלמן.
אָך איז מיר און וויי,
אָך איז מיר און וויי,
איין מציאה ווי די צווייטע, } ביס
זאָגט, ווער זענען זיי? }

שדכן:

גלייב מיר, אַז ער האָט דיך ליב,
און וועסט צופרידן זיין,
וועסט צופרידן זיין.
אלמן, גרוש און מיט קינדער,
דאָס בין איך אליין. } ביס

חנה ציפּע:

פוי, צו מיינע שונאימס יאָרן.
איר גאָר? איר אליין?
איר גאָר? איר אליין?
מילא, כ׳וועל מיך איבערלייגן.
כ׳זאָג נישט יאָ, נישט ניין... } ביס

זיפצן און טרערן

זיין נישט חנהל׳ע

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



I

הער אויף וויינען, חנהלע,
ס'האַרץ צעברעכסטו מיר,
וואָס אַרט דיך אַז מיין טאַטע זאָגט
ער וויל נישט אַזאַ שנור?
ער זוכט פאַר מיר אַ כלה נאָר
מיט יחוס און מיט געלט,
זאָג איך: טאַטע, חנהלע,
זי איז מיין גאַנצע וועלט.

(צושפּיל)

אוי, וויין נישט, חנהלע,
אוי, וויין נישט, חנהלע,
איך שווער דיר הייליק, אַז
מיר טיילן לייד און פרייד,
נאָר דו וועסט בלייבן מיין.
אַפילו אין אָרעמקייט,
אַבי מיט דיר אינאיינעם זיין.

II

מיין טאַטע פרעגט אויף דיין משפחה,
וואָס דו קומסט אַרויס.
טאַטע, זאָג איך, צווישן דערנער
בלִיט אַ שיינע רויז.
נישט קיין צירונג האָט דאָס מיידל,
וואָס וועט זיין דערפון?
טאַטע, אין אַן אָרעם קליידל,
שיינט זי ווי די זון.

(צושפּיל)

אוים שידוך

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



נעם אַפּ דיין רינגל,
וואָס איך האָב פון דיר;
דו ביסט אַ ווויל יינגל,
נאָר ביסט נישט פאַר מיר.
ווי אַ זומער-פויגל,
אַזוי פליִסטו אַרום;
פון צווייגל צו צווייגל, }
פון בלימל צו בלום. } ביס

דו האָסט מיך פאַרכישופט
מיט ליבינקע רייד,
געשוואוירן אַז איך בין
דיין איינציקע פרייד.
גענאַרט מיך, נאָך אַנדערע
מיידלעך געיאָגט.
דאָס זעלבע וואָס מיר
האָסטו זיי אויך געזאָגט. } ביס

וואָס טויג דיין חרטה,
וואָס דו האָסט אַצינד;
ביסט מודה, אַז דו ביסט
באַגאַנגען אַ זינד.
וואָס טויג מיר דיין שווערן,
איך דאַרף עס נישט, ניין.
דאָס האַרץ וואָס צעבראָכן,
קען מער גאַנץ נישט זיין. } ביס

געוועזן אַ פרימאָרגן.
די זון האָט געשיינט;
פאַרוואָלקנט געוואָרן
דער הימל, פאַרוויינט,
טאָ נעם אָפּ דיין רינגל,
וואָס איך האָב פון דיר.
דו ביסט אַ וואויל יינגל,
נאָר ביסט נישט פאַר מיר. } ביס

פאָלגט נישט קיינעם מיידעלעך

(ווערטער פון שלמה פריזאַמענט. געזונגען פון העלענע געשפּאַס.
די מוזיק אין אַ רומענישע)



I

מאַמעניו, וואָס ווילסטו האָבן,
אוי, פאַרוואָס ווילסטו נישט הערן וואָס איך זאָג צו דיר,

האסט מיך לעבעדיק באגראבן;
איינגעהאנדלט מיר א מאן, א קלאג צו מיר.
האסט געוואלט אן איידעם א פרומען,
און בערעלען דעם סטאליאר — אים געוואלט האב איך.
האסטו פאר מיר א בטלן באקומען.
אפגעקוילעט אן א מעסער האסטו מיך, אוי...

(צושפיל)

פאלגט נישט קיינעם, מיידעלעך,
און לאזט אייך נישט דעם קאפ פארדרייען,
אויב איר ווילט נישט יונגערהייט גיין אין גריב (גרוב).
רעדט מען אייך פון יחוס, כבוד,
זאלט איר זאגן: איינמאל גיין!
נאר דעם, וועמען איר האט ליב.

II

קוועטשט די באנק אין קלויז, זאגט תהילים,
שונאים ווינטש איך אזא מאן נאר, ווי איך האב;
עפעס פרעגן אז איך וויל אים,
זאגט ער „מפסיק", דרייט אוועק דעם קאפ.
ר'איז צום רבין היינט געפארן.
האב איך אין גאס מיט בערעלען א ווארט גערעדט.
דערגייען מיר די ווייבער די יארן.
אן אשת איש, א חצופה, אזא חטא. אוי...

(צושפיל)

זייט מיר געזונט, חברטעס

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



I

קינדער־יאָר חלומות וועבן,
זיסער פרילינג פונעם לעבן.
ווי אַ בלימל אין מאַי,
ווי אַ פייגעלע פריי.
קומט דער האַרבסט, די ווינטן בלאָזן,
פאַלן בלעטער, וועלקן גראָזן,
פרילינג, זומער, אַוועק.
אַלץ פאַרביי.

(צושפיל)

זייט מיר געזונט,
חברטעס אַלע;
נישט מיט מיין ווילן
ווער איך אַ כלה.
אַ יידישע טאָכטער, זי מוז
פאָלגן, הערן.
כאָטש אין דער שטיל
גיסן טרערן.
זייט מיר געזונט,
מיין וועג איז אומבאַשטימט,
קיין פרילינג מער.
דער ווינטער קומט.

II

און מיין חופה־קלייד מ׳נייט שוין,
צו דער חתונה מ׳גרייט שוין.
דורך די נעכט שטיל איך וויין;

אויפן הארץ דריקט א שטיין.
דעם וואָס כ'ליב, פאַר מיר פאַרווערט איז.
מיין גאַנץ לעבן מיר צעשטערט איז.
כ'לאָז זיך אין ווייטן וועג
גאַנץ אליין.

(צושפיל)

אַביסל צו שפּעט

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



I

יוגנט, דו שיינע, דו פרילינג פון לעבן.
די גאַנצע וועלט שמייכלט צו דיר.
שפּרינגסט ווי אַ פויגל פון בלימל צו בלימל,
ווייסט נישט ווו אָפּצושטעלן זיך פריִ׳ר.
אַוועק גייט די יוגנט, הייבסטו אָן קלערן:
געווען שוין געלאָפן נאָך גליק.
פאַרוועלקט יענע בלומען, אַוועק מיטן ווינט
דאָס געוועזענע קומט נישט צוריק.

(צושפּיל)

דער שכל קומט אַביסל צו שפּעט.
ווען די שיינע יוגנט פאַרגייט,
באַדויערט מען, טרויערט מען,
נאָך דער פאַרגאַנגענער צייט.
נישטאָ שוין מער אַמאָליקע פריינט,
עלנט און פאַרלאָזן איז מען היינט,
ווייל ווען דער מענטש זיין פעלער זעט,
איז שוין אַביסל צו שפּעט.

II

שיין ביסטו, מיידל, אין בליִענדער יוגנט.
האָסט פריינט ווו דו קומסט אומעטום;
נאָר איינער אַ שילער, ער ליבט דיך פון האַרצן.
אויף אים, דו קוקסט זיך נישט אום.
אַוועק גייט די יוגנט, די זון איז פאַרגאַנגען,
קומען די נעכט איינזאַם, שוואַרץ.
דערמאָנסטו אָן אים, האָסטו חרטה פאַרוואָס
צעבראָכן האָסטו אים זיין האַרץ.

(צושפּיל)

אָרעם און פֿריילעך

די באַלעבאָסטע

(טערצעט)

פון שלמה פריזאַמענט.

(געשפילט אין ווין, 1919)



די באַלעבאַסטע — די דינסטמויד — דער משרת

(די דינסט קערט די שטוב. עס קומט די באַלעבאַסטע)

(געזאַנג)

באַלעבאַסטע:

אַקערשט בין איך אויפגעשטאַנען,
און דו דרייסט זיך ליידיק, חנה;
וואָס דעם פאַל, פוץ אָפּ די שיך, גיי קאָכן.
אַ מויד זאָל זיין אַזוי צעקראָכן.
קלאַפּ אויס קאָוויאָרן, וואָש ס׳געשיר;
פוץ די פענצטער און די טיר.
רוים די שטוב און בעט־צו דאָס בעט,
און איך גיי מאַכן טואַלעט.

(גייט אַוועק).

דינסט: (צושפּיל)

אַ באַלעבאַסטע,
אוי, אַ באַלעבאַסטע,
וואָס עסט און שלאָפט און שרייט און שעלט
קיין אַרבעט ווייסט זי,
מיר אַלץ טון הייסט זי.
דרייט זיך אומזיסט אום
אויף דער וועלט.

(2 מאָל)

עס קומט דער משרת.

משרת:

לייג אַוועק דעם בעזעם, חנה,
כ׳האָב מיט דיר אַ וואַזשנע טענה,
צייט מיר זאָלן אַ פּאָרל ווערן.
געננוג שוין פרעמדע שטובן קערן.

דינסט:

ביסט שוין גרייט, אַבי גערעדט,
אָן אַ שטוב, אַ טיש, אַ בעט,
און קיין גרייצער האָב נישט איך, נישט דו,

משרת: (צושפּיל)

צו זיין ביי יענעם
איז אַ גיהנום.
דער עיקר איז אַז מ'האָט זיך ליב.
אַ חופּה קודם,
מעג זיין אַ בוידעם,
אַפילו אין אַ קעלער־שטוב.

(ביידע נאָכאַמאָל)

עס קומט די באַלעבאָסטע.

באַלעבאָסטע:

וואָס שטייט איר ליידיק ,איר געזינדל,

דינסט:

שווייגט, מאַדאַמע, יענטע מינדל,
(גיט איר דעם בעזעם)

באַלעבאָסטע:

וואָס? איך בין אַריסטאָקראַטן.

משרת:

כ'האָב געקענט דעם גנב, אייער טאַטן.

באַלעבאָסטע:

געאַרבעט האָט פון אונדז נישט קיינער.

דינסט:

נאָר געשווינדלט יעדער איינער.

באַלעבאָסטע:

געוואַלט, איך חלש, אוי, עס איז מיר שלעכט!

(אַנטלויפט)

ביידע:

ז'האָט זיך אויף אַזאַ סוף נישט גערעכט.
צו זיין ביי יענעם
איז אַ גיהנום.
דער עיקר איז, אַז מ'האָט זיך ליב.
אַ חופּה קודם,
מעג זיין אַ בוידעם,
אַפילו אין אַ קעלער־שטוב.

(ווידערהאָלן)

גאָדל דער משרת

(געזונגען פון חנאָ שטרודלער, 1904)



I

גאָדל דער משרת הייס איך,
פאַר אַ נאַר האַלט מיט איעדער.

און פון אַלע סודות ווייס איך,
נאָר איך זאָג נישט אויס פון חדר.
מיין באַלעבאָס, ער קומט אין קיך,
דערזעט די דינסט מיט באַקן רויט,
וואָשט די הענט, זאָגט אשר יצר,
אי נאָ. אָסור לדבר... ביסט אַ ווילע מויד.

איך זע אַלץ און הער
און ביי זיך איך קלער:

(צושפּיל)

גאָדל, דו משרת,
מאַך זיך כי לא ידע.
שוויַיג, זוך דיר נישט קיין צרות, } (ביס)
ס'איז היינט אַזאַ מאָדע.

II

מיין באַלעבאָסטע, שרה הענע,
אַ צדיקת מיט אַ שייטל,
לייענט כסדר צאינה וראינה,
גבאיטע איז זי אין שטעטל.
פּאָרט אַוועק דער באַלעבאָס,
קומט דער בוכהאַלטער צוגייַן.
מיך שיקט זי אַוועק צו קונים,
און זי מיטן בוכהאַלטער בלייבן ביידע אַליין.

איך זע אַלץ און הער
און ביי זיך איך קלער:

(צושפּיל)

דעם אָרעמאַנס מזל

(פון שלמה פריזאַמענט. געשריבן צו „טוביה דער מילכיקער״ פון שלום עליכם, אין סאַמאַרקאַנד, מיטל־אַזיע, 1945)



I

קויפט אַ קבצן אַ בהמה,
מעלקט זי זיך נישט, ניין.
מעלקט זי זיך נישט, ניין.
וויל זי קיינער נישט אָפּקויפן, } ביס
ווייל ז'איז הויט און ביין.

II

מוטשעט זיך מיט דער בהמה,
אַ קיילעכדיקע יאָר,
אַ קיילעכדיקע יאָר,
פירט ער זי אַוועק צום שוחט, } ביס
ווערט זי טריפה גאָר.

III

הייצט אַ קבצן איין דעם אויוון,
ווערט אין שטוב אַ רויך.
ווערט אין שטוב אַ רויך.
אויסצוהאַלטן פונעם דלות, } ביס
אוי, ווי נעמט מען כוח.

אַ זעלנער ביי פראָים יאָסל

ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט
(געשריבן פאַר סעם שילינג. לעמבערג 1912)



מ׳האָט אים אָפּגעמאָסטן,
מ׳האָט אים אָפּגעוואוויגן,
דער מאַן וועט, זאָגט דער דאָקטער,
צו אַרטילעריע טויגן.
אין דרויסן שטייט דער טאַטע,
די מאַמע און די כלה.
זיי האָבן דערהערט די בשורה,
צעוויינט האָבן זיי זיך אַלע.

אַ בחור אַ מיוחס.
אַ זונדל חנה־דאָבעס.
זאָל דריי יאָר זיין אַ זעלנער,
גלייך מיט אַלע זשלאָבעס...
און עסן דאָרטן טריפות,

חזיר-פֿלייש מיט ראָסל,
כ'על שרייבן אַ פּראָשעניע
צום קייזער, פּראַים יאָסל.

°

דער קייזער איז אַ גוטער.
מעגסט אים, זון, דאָרט זאָגן,
אַז שבת דאַרפֿסטו רוען.
די ביקס טאָרסטו נישט טראָגן.
דיר געבן כשר עסן,
דיך לאָזן יידיש פּירן;
די פּאות מיטן בערדל,
קיין שער זאָל נישט באַרירן.

אַוועק אַ פּאָר חדשים,
אַ בריוו, אַ בילד געקומען.
אַרויפֿגעדרייטע וואָנצעס,
פֿון באָרד און פּאות — קיין סימן.
און שרייבט: ער פֿירט זיך דאָרטן,
ווי די סאָלדאַטן אַלע.
די טאַטע-מאַמע טרויעריק.
פֿון בילד קוועלט אָן די כלה.

נע ונד

דער וואַנדערער

(געזונגען פון ז. גאָלדשטיין)



I

ס׳האָט מיין טאַטע מיר געזאָגט: מיין קינד,
אַ וואַנדערער איז עלנט ווי אַ שטיין.
נישט געפאָלגט. דערפאַר לייד איך אַצינד,
טאַטע מיינער, ביסט גערעכט געווען.
ס׳האָט די מאַמע געבעטן זיך ביי מיר:
פאַרלאָז מיך נישט, מיין איינציק קינד, מיין פרייד.
טרערן האָבן געגאָסן זיך ביי איר.
נאָך קלינגען מיר דער מאַמעס ליבע רייד. אוי.

(צושפיל)

בענקען, בענק איך נאָך מיין היים,
אוי, וויי, ווי מיר טוט באַנג,
דאָרט געווען מיין וויגעלע, מיין רעכט.
מיין היים, מיין רעכט.
ווי לאַנג נאָך וועל איך זיין נע ונד,
אוי, וויי, ווי לאַנג?
וועט שוין אייביק מיר זיין אַזוי שלעכט?
אוי, ווי מיר איז שלעכט.

II

געוואַנדערט יאָרן. היינט דאָ, מאָרגן דאָרט;
אומעטום געוועזן עלנט, פרעמד.
קיין מנוחה אין איעדן אָרט.
אָן אַ שוך, אַ קלייד און אָן אַ העמד.
קיין טאַטן און קיין מאַמען כ׳האָב נישט, ניין.
חרוב איז שוין דאָרטן אונדזער הויז.
קיינער וועט מיר נישט אַקעגן גיין.
נאָר מצבות וועל איך טרעפן בלויז. אוי.

(צושפיל)

ציגײנער־ליד

ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט.

(פון דער קאָמעדיע „די קרעטשמע“)



I

ביימער שיינע,
צוויגן גרינע,

גאָלדיק אייך באַשטראַלט די זון,
קומט נאָר ווינטער,
אָן רחמנות, העי,
שיינקייט, גרינקייט, תּל נאָר ווערט דערפון.

(צושפּיל)

אַבער ווען דאָס האַרץ איז פרייליך
און די זון זי שיינט,
וואָס מיר מאָרגן, לעבט לעבט מען היינט.
ווערט דער וויין און די מוזיק
פאַר דיר דער בעסטער פריינט,
וואָס מיר מאָרגן, לעבן לעבט מען היינט

II

יאָרן יונגע,
יאָרן שיינע,
פרייד און גליק האָט איר אָן צאָל.
יאָרן אַלטע,
ביטערע, שווערע, העי.
נאָר אַ שאָטן בלייבט מען פון אַמאָל.

(צושפּיל)

דער גנב

ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט.
(פון דער מוזיקאַלישער שפּיל „שאָטנס”)



I

כ'האָב נישט געפאָלגט דעם טאַטן
און אַוועק צו די ווילע יאַטן.
צו די יאַטן, אַז איך בין געקומען, } ביס
גנבענען האָבן זיי מיך מיטגענומען. }

II

נאָך צוועלף די נאַכט איז טונקל,
קריך איך מיר אַרויס פון ווינקל.
פלוצים וואַקסט אויס איינער פון די ווענט, } ביס
און טוט מיר אָן קייטלעך אויף די הענט. }

III

שפּעטער אַריין אין תּפיסה,
דאָרט געפּילט האָב איך טעם מיתה.
אונטער קראַטן, ערגער ווי דער טויט. } ביס
אַ גנב איז אַ ביטער שטיקל ברויט. }

IV

כ׳האָב נישט געפאָלגט דעם טאַטן. —אז״וו

דער שיכור

(גענומען פון חיים פישער (פישער פאַרד). געזונגען 1894.
און ביי חנא שטרודלער, 1923).



I

אפשר ווייסט איר ווו איך וווין?
שוין אַ שעה פון דער קרעטשמע אַרוים.
אַריינגעקראָכן בין איך שוין,
עטלעכע מאָל אין אַ פרעמדן הויז.
גאַסן, הייזער, דרייען זיך,
וואָס זשע דאַרף איך אַהיים גיין?
שטיין און וואַרטן דאָ וועל איך,
ביז מיין שטוב וועט זיך דאָ דורכדרייען...

II

בראָנפן, בראָנפן, דו גוטער ברודער,
קיין בעסערער פריינד איז פון דיר נישטאָ...
דו צעוואַרעמסט מיר די גלידער,
די ווייסע באַקן מאַכסטו בלאָ.
אַפילו מיין ווייב — די צרה, די שלאַק,
פירט מיך שטענדיק ביי דער נאָז...
קוים כאַפּ איך אַריין אַ קניאַק,
באַווייז איך איר, אַז איך בין באַלעבאָס.

III

דער זיידע נח און דער פעטער לוט —
די גרעסטן מענטשן אויף דער ערד.
ווייל דער ערשטער און דער צווייטער האָט
די טייערע משקה אויסגעקלערט.
זיי טרינקען היינט אין גן־עדן
גאַנצע פעסער, אַבי געזונט,
פאַרן פעטער מיטן זיידן,
מאַך איך אַ לחיים אַצינד...

IV

מקנא בין איך איינעם אויף דער וועלט,
כ'פיל דאָס חיות גייט מיר אויס.
די קאַרטאָפל, וואָס וואַקסט אין פעלד,
ווייל דער שנאַפּס קומט פון איר אַרויס.
גאָט, דו זאָלסט מיין בקשה הערן,
אַז נאָך מיין טויט — בעט איך ביי דיר —
זאָל איך אין אַ קאַרטאָפל מגולגל ווערן,
וועט אין דער ערד זיין וואויל צו מיר...

די מויד פון גאַס

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט)



I

די מאַמע קראַנק און שוואַך.
דער טאַטע שיכורט, לאַכט,
אַ הפקר־יונג דער ברודער
גנבעט פערד אין שטאַל,
געכאַפּט ביי אַ גנבה.
זיצט אין קרימינאַל.

אַ קעלער־שטוב, די ווענט צעפּאַלן,
פון דער זון קיינמאָל קיין שטראַלן,
טריפט אַ רעגן, ווערט די חורבה נאַס.
נישט געקענט מער וואַרטן, האָפן,
בין איך פון דער היים אַנטלאָפן
און געוואָרן אַ מויד פון גאַס. } (ביס)

II

מיר איז קיין חילוק נישט,
אַ הער צי אַ באַנדיט,
איך געהער איעדן
מיט דער האַנט ווער ס'מאַכט...
כ'בין ווי די לבנה,
די מלכה פון דער נאַכט.
קומט די נאַכט בין איך אייך טייער.
איר ווערט פאַרכישופט, ברענט ווי פייער,
קומט דער טאָג, פאַרגאַנגען איז דער שפּאַס.
אין דער פרי דערקענט מיך קיינער,
מיידט מיך אוים איעדער איינער.
יעדער שעמט זיך מיט דער מויד פון גאַס. } (ביס)

III

מיין סוף וועט זיין אַמאָל:
פאַרלאָזן אין שפּיטאָל.
דאָרט וועל איך אויסשפּילן
מיין לעצטע קאָמעדי.
עס וועט פון אַלע צרות
דער טויט מיר ברענגען רו.
און צו דער לוויה מיינער

װעט מיך נישט באַגלייטן קיינער.
נאָר אַליין מיך פירן דורכן גאַס,
נעבן פלויט מיך אַװעקטראָגן.
אַנשטאָט קדיש, װעט מען זאָגן:
אָט־אָ־דאָ ליגט זי, די מויד פון גאַס. (ביס)

אַלט און יונג

מיטן טאַטן אויפֿן יאַריד

(ווערטער און מוזיק פון שלמה פריזאַמענט. געזונגען פון גאָלדע צענגוט
(גיזי היידן), לעמבערג 1926)



אַ גאַנצע וואָך דער טאַטע גרייט זיך.
פֿאָרן וועט ער אויף יאַריד.
וואָס זאָל איך דיר ברענגען, טאָכטער?
ברענג מיר נישט, נאָר נעם מיך מיט.
ער באַראָט זיך מיט דער מאַמען,
און בסוד זאָגט ער צו איר:
— זאָל זי פֿאָרן, אפשר וועל איך
זען אַ חתן דאָרט פֿאַר איר.

הייטאַ, ווישטאַ, פֿאָרן פירן,
שווער דער וועג, די פערדלעך מיד.
ס'האָט דער טאַטע מיטגענומען

מיך, זיין טאַכטער, אויף יאַריד.
אָנגעשטאָפּט, פול מיט פאַרשווינען.
דאָ אַ קויש און דאָרט אַ זאַק.
הינער, קאַטשקעס, שמאַטעס, לאַטעס,
יעדער ייִד האָט זיך זיין פּאַק...

אַ טעמנע חלום, מיינע שונאים!
שרייט אַ ייִדענע, אַ ריז,
זעט, ווי ברייט אַ ייִד צעזעצט זיך!
גלייך ס'האָט קיינער נישט קיין פיס...
וואָלט איר, מומע, בעסער שוויגן,
ייִדן, קוקט, און זאָגט אַליין:
אַז פאַר איר, קיין עין הרע,
איז דער גאַנצער וואָגן קליין.

קוויטשעט איינע: — פעטער, רוקט אייך,
זעט, ווו קריכט איר, יונגערמאַן?
מיינע עופות איר צעדריקט דאָך,
און — נעמט-צו דעם טשעמאָדאַן...
ענדלעך שטעלט זיך אָפּ דער וואָגן.
קוים דערלעבט שוין די מינוט.
מזל-טוב! מ'איז שוין בשלום
אָנגעקומען אויף יאַריד.

אָנגעשטעלט דער מאַרק מיט בוידן,
פול — נישטאָ קיין ליידיק אָרט.
פּאַטשערקעס מיט רויטע סטענגעס.
אוי! — אַ קאַטערינקע דאָרט.
קעלבלעך, ציגן, זאַקנבענדלעך,
כ'ווייס נישט ווו צו קוקן פריִ'ר.
דרייט זיך דאָרט אַ קאַרוזעלע,
שווינדלט אַזש פאַר די אויגן מיר.

נישט נאָר אָקסן, פערד, בהמות,
אויך דער שדכן קומט אהער.
פירט צונויף חתנים, כלהס,
און מ׳האַנדלט, ווער ס׳גיט מער...
און דער שדכן, משה־קלמן,
רעדט צום טאַטן, קוקט אויף מיר.
אייער טאָכטער, הא, ר׳ זלמן?
גאָר אַ ווילע בתולה האָט איר.

און ער ברענגט אַ חתן־בחור,
ווי אַ לולב — לאַנג און דאַר.
ווייזט נישט אויס קיין גרויסער חכם,
און אויך נישט קיין קליינער נאַר...
איך וויל גיין. ברענגט ער אַ צווייטן,
גאָר אַ קליינטשיקער איז ער.
נאָר אַ גרויסער בעל־מיוחס.
ער פאַרלאַנגט שוין נדן מער.

אַזוי ברענגט ער אַלע מינים.
קורץ און לאַנג, און ברייט, און שמאָל;
אַלץ נישט דאָס, וואָס כ׳האָב געחלומט.
זאָל שוין זיין אַ סוף אַמאָל.
איינעם ווייזט מיר אָן דער טאַטע:
— טאָכטער, וואָס זאָגסטו צו דעם?
— טאַטע, קום! — אַזאַ מציאה
וועל איך טרעפן אין דער היים...

די באָבע מיטן אייניקל

(דועט)

(באַארבעט פון ש. פריזאַמענט לויט אַ לידל פון משהלע בדחן)



אייניקל:

אוי, באָבע, באָבע, ווי מיין לעבן,
וואָס איז אויף מיר פאַר אַ שטראָף?
אַ פּנים זע איך פאַר מיר שוועבן.
סיי איך בין וואַך, און סיי איך שלאָף.

באָבע:

לייען קריאת־שמע, טאָכטער. מאָרגן היים איך
די מזוזות איבערזען.
אַן אַלטער גלח, צי עפּעס ווייס איך,
האָט געמוזט דעם וועג דיר איבערגיין.

אייניקל:

ניין, באַבע, ס'איז גאַר אַ יונגער,
און נישט קיין גלח, באַבע, ניין.
הענטשקעלעך טראָגט ער אויף די פינגער.
נאָר אַ פרינץ איז אַזוי שיין.

באַבע:

דאָס האָט זיך פאַרשטעלט דער שטן...
דער נישט-גוטער, נישט דאָ געדאַכט.
ס'וועט אים אָבער נישט געראָטן.
ווייל אַ מלאך דיך באַוואַכט.

אייניקל:

נעכטן שטיי איך ביי דעם פענצטער,
דרייט ער זיך ביי אונדזער שטוב.
און געזאָגט האָט מיר דער שענצטער:
— מיידל, שיינע, כ'האָב דיך ליב!

באַבע:

זאָל אַוועק צו בייזע גויים,
אָט די קליפה, וואָס שרעקט מיין קינד.
פאָלג זשע מיך, זאָג „ויהי נועם",
שפיי אוים דריי מאָל און שלאָף געזונט.

אייניקל:

קיין ויהי נועם וועל איך נישט זאָגן.
עמעץ גייט דאָרט, הער זיך איין.
עס ווערט שוין העל, עס הייבט אָן טאָגן.
איך וועל צום פענצטער שוין צוגיין.

באַבע:

זאָגסט גאָר נישט קיין „מודה אני"?
כ'על קברים רייסן, שרייען געוואַלד.
ס'האָבן שדים דיך פאַרכישופט —
צום רבין לויפן וועל איך באַלד!

יוגנט זכרונות

ווערטער און מוזיק פון ש. פריזאַמענט. געזונגען פון גיזי היידן.



I

ווי ליב מיין קליינטשיק שטעטל ביסטו מיר.
זכרונות פון מיין יוגנט בינדן מיך צו דיר.

אונטער דיינע גרינע ביימעלעך,
פריילעך זיך מיט קינדער געשפּילט.
געריסן די ווייסע בלימעלעך,
אוי, ווי גוט איך האָב געפילט.

(צושפּיל)

שיינע, זיסע, קינדער־יאָרן,
אוי, נאָך אייך טוט באַנג.
אייביק בלייבט איר אין זכרון
דער היילקסטער געדאַנק.
דאָס שטעטעלע ווו מ׳האָט דאָרט פאַרברענגט
קינדער־יאָרן פון גליק.
גאָלדענע צייט, נאָך דיר מ׳בענקט
און דו קומסט שוין קיינמאָל נישט צוריק.

II

ווי שנעל ס׳איז אַוועק די שיינע צייט,
פון שטעטל אויסגעוואַנדערט אַזוי ווייט.
כאָטש די וועלט איז גרויס און שיין
און האָט שיינקייט, פרייד און אַ שיר,
און דו, מיין שטעטעלע, ביסט קליין;
קען איך נישט פאַרגעסן אָן דיר.

(צושפּיל)

הונדערט יאָר שלום עליכם

מוזיק צו שלום עליכם־טעקסטן

וואַקסט אַ בוים

(מוזיק: שלמה פריזאַמענט — ווערטער: שלום עליכם)



אַט, למשל — אַזוי קלער איך מיר — — — —
וואַקסט אַ בוים, אַ דעמב אין וואַלד.
קומט צוגיין אַ נפש מיט אַ האַק,
נעמט אַפּ אַ צווייג,
און נאָך אַ צווייג,
נעמט אַפּ אַ צווייג,
און נאָך אַ צווייג,

וואָס איז דער בוים אָן די צווייגן,
מ׳שטיינס געזאָגט?
וואָס איז דער בוים אָן די צווייגן,
וואָס?
נעם שוין בעסער דו, בן־אדם,
און האַק אונטער דעם בוים אינגאַנצן — — —
און אַן עק זאָל עס האָבן.
און אַ סוף זאָל עס האָבן.
צו וואָס זאָל סטאַרטשען
אַ נאַקעטער בוים אין וואַלד?
צו וואָס?
צו וואָס?

סטייטש, היתכן?

(מוזיק: שלמה פריזאַמענט — ווערטער: שלום עליכם)



סטייטש, סטייטש, היתכן?
ווּ איז גאָט?
דער אַלטער יִדישער גאָט?

צוויי מאָל

וואָס שווייגט ער?
ווי דערלאָזט ער אַזאַ זאַך?
סטייטש און סטייטש,
און ווידעראַמאָל: סטייטש!
און פאַרוואָס זאָל ער נישט קומען,
משיח?
אוי, וואָלט ער געטאָן ווי אַ חכם —
טאַקע משיח, מיין איך.
ווען ער כאַפּט זיך אַראָפּ
צו אונדז אַצינד
רייטנדיק אויף זיין ווייסן פערדל...
אונדזער גאַנצע האָפענונג אַצינד
איז דאָך נאָר — — —
טאָמער וועט גאָט
טון אַ נס,
עס וועט קומען משיח.

צוויי מאָל

(ניגון — צום שלוס)

עס וועט קומען משיח׳

מאָנאָלאָגן

פון ש. פּריזאַמענט

כעלעמער מעשהלעך

מעשׂות פון כעלעם דערציילט מען,
ביי אונדז, ייִדן, פון כמה שנים.
לאַכט די וועלט, קוועלט פון די חכמות.
צום סוף זאָגט מען: „כעלעמער נאַראָנים".
אויב איר וועט גוט זיך פאַרטיפן
אין זייערע מנהגים און דרכים,
איז יעדער כעלעמער באַזונדער —
געווען אַ בעל־מוח, אַ חכם...

דער רב, ר' יוסף לאָקש, אַ פאַרטראַכטער,
שמעקט טאַבעקע... מהיכא תיתא... נו, מילא...
האָט ער, על פי טעות, גענומען
אַ בלאַט לאָקשן פאַר אַ פאַטשיילע.
גבאים, שמשים, פּרומאַקעס,
וואָס טיילן פאַר קראַנקע רפואות,
צו ציינווייטיק, טיי פון הושענות;
צו קאָפּווייטיק — פּסולע רציעות.

ס'איז אין כעלעמער ספר פּראַלניק,
שוואַרץ אויף ווייס פאַרבליבן.
כ'האָב אים געלייענט, און דערצייל אייך
אַלץ וואָס איז דאָרטן פאַרשריבן.
דער ספר פאַרצייכנט די גרויסע
רבנים, דיינים, רעגירער,
נגידים, מיוחסים און אויכעט —
די שקצים און שטאָט־רעדלפירער.

איציק חזן — איז אַ שטומער;
לייבל טענצער — איז אַ קרומער.

יאַנקל שוחט — פּעלט די רעכטע האַנט.
כאַצקל קויטיק — איז דער בעדער,
מענדל היקעוואַטע — פירט אַ חדר;
יאַן דער בלינדער איז דער פּאָליציאַנט.
בלאָטעס פול אין אַלע עקן.
גייט מען — בלייבט אַ שטיוול שטעקן.
קאַטשקעס שווימען אום אינמיטן שטאָט.
יעדע גאַס — פאַר קי אַ פּאַשע.
געדיכט די מקווה, ווי אַ קאַשע.
יעדן פרייטיק איז אַ היץ אין באָד.

זיצט דער רב, ר׳ יוסף לאַקש,
ס'איז היינט ביי קהל אַן אסיפה.
און ער שמועסט מיט חכמי כעלעם —
פון ענינים הויכע, טיפע.
צדוק גבאי פרעגט „צי מעגן
מתים הפקר ליגן?
דער בית-עולם האָט קיין פּלויט נישט,
שפרינגען דאָרט אַרום די ציגן".
רופט זיך אָן ר׳ יוסף לאַקש:
„הערט אוים, ליבע יידן,
אָן אַ פּלויט זענען די מתים
דווקא גאָר צופרידן.
ווייל שופר של משיח
וועט מען בלאָזן גאָר אינגיכן,
וועלן די מתים נישט באַדאַרפן
איבער אַ פּלויט אַריבערקריכן..."

ר׳ יוסף לאַקש דאַרף מאָרגן פאָרן
אויף אַ ברית, דאָרט ערגעץ ווו,
זאָגט ער אָן דעם שמש זיינעם:
— קום און וועק מיך אויף גאַנץ פרי.
פאַרטאָג קומט דער שמש וועקן,

„שטייט אויף רבי! ס׳קרייעט שוין דער האָן!"
אין דער פינצטער — כאַפּט דער רבי,
און טוט דער רביצינס מאַנטל אָן.
אַזוי פאָרט ער, ביז ס׳ווערט ליכטיק,
דערזעט דער רביצינס מאַנטל אויף זיך,
— גוואַלד, — שרייט ער צום בעל־עגלה —
פאָר צוריק אַהיים אויף גיך...
זע נאַר, וואָס מיין שמש, דער שוטה,
האָט געטאָן, די וועלט זיך עקט —
ר׳האָט באַדאַרפן מיך אויפוועקן,
האָט ער גאָר די רביצין אויפגעוועקט...

אַ גרויסע אסיפה אין כעלעמער קהילה.
מ׳פירט דאָרט אַ וואַזשנע דעבאַטע.
מ׳טראַכט און מ׳זוכט כל׳ע עצות,
מען קען נישט געפינען, לעת עתה.
מ׳שמועסט, אַז כעלעמער חכמים
זאָלן טאָן באַקלערן,
אַז פונקט ווי ס׳איז ליכטיק בייטאָג,
זאָל אויך יעדע נאַכט ליכטיק ווערן.

ר׳ יוסף לאָקש זאָגט: — הערט, רבותי,
הערט וואָס איך האָב פאַרטראַכט:
אַז דער באַרג, וואָס שטייט הינטער כעלעם —
ער מאַכט אונדז פינצטער ביינאַכט...
ווייל פאַרנאַכט, ווען די זון גייט אונטער,
בלייבט זי הינטערן באַרג דאָרט שטיין.
פאַרשטעלט אונדז דער באַרג די זון
און לאָזט אונדז נישט צו איר שיין.
בכן, איז מיין עצה, צונויפרופן די גאַנצע שטאָט,
— אינאיינעם זענען מיר גענוג שטאַרק —
און, מיטן אייבערשטנס הילף, וועלן מיר קענען
אָוועקרוקן פון כעלעם דעם באַרג...

אינדערפרי, פון גרויס ביז קליין,
ביים בארג פארזאמלט האבן זיך.
דער ראש הקהל שרייט: — עולם,
צו דער ארבעט נעמט אייך גיך.
עולם שטופט דעם בארג מיט כוח.
עס ארבעט שווער איעדער.
ס'ווערט זיי היים, ס'שוויצט דער עולם,
ווארפט מען אראפ פון זיך די קליידער.

אויסגעטאן זיך — שטופט מען ווייטער.
זענען שקצים אנגעקומען
און דערזען — עס ליגן קליידער,
האבן זיי די קליידער צוגענומען.
איינגעפאקט און גיך אנטלאפן.
קיינער האט זיי נישט געזען.
נאך א פאר שעה ארבעט, שרייבט דער רבי:
— יידן, ס'איז א נס געשען!
דעם בארג האבן מיר אוועקגעשטופט.
די ארבעט איז שוין אפגעטאן.
מיר זענען מיטן בארג אזוי ווייט אוועק...
אז מ'זעט שוין אונדזערע קליידער נישט אן!

ווילט איר וויסן פונעם סוף?
ס'איז א מעשה אן אן עק!
דער בארג איז שטיין געבליבן,
נאר די קליידער זענען אוועק.

מיינט איר, אז כעלעם ווערט בטל?
חלילה! מ'האט געזוכט און געטראפן,
אז געזינדיקט האט אין כעלעם א בתולה,
דערפאר איז בארג צוריקגעלאפן...

האט כעלעם געטאן רופן אן אסיפה
און מ'האט געטאן טאן באשטימען,

אז דעם באַרג זאָל מען לאָזן שטיין,
אָבער די זון פאַר די נעכט מוז מען באַקומען.
מיט אַ שטריק טויזנט איילן די לענג
וועט בערל דער לאַנגער אויפן שפּיץ באַרג אַרויף
אַ וואָרף טאָן איבער דער זון, מאַכן אַ שלייף,
צובינדן צום דאַך פון בית־המדרש, און אַ סוף.

די מעשהלעך זענען שיינע,
כאָטש פון אמת — זייער ווייט,
מ'גיט אַ שמייכל, נאָר ווי בענקט זיך
נאָך דער שיינער אַלטער צייט...
נישטאָ אַ הערשל אָסטראָפּאָליער,
פראַים גריידיקער, שייקע פייפער,
בדחנים, לצנים, אַזוי פיל.
די דערציילער פון די מעשות
פול מיט חכמה, פרייד און שפּיל.

טאָ, לאָמיר אַלץ, וואָס איז יידיש,
צי ערנסט, צי לצנות,
פון דיכטער, צי פון פאָלק,
אַלע פּערל אויפקלייבן,
אָפּהיטן דעם זכר.
זאָל יידישע שאַפונג
פאַר קומענדיקע דורות
אויף אייביק פאַרבלייבן.

יידן רייִדן, יידן זינגען

עם ישראל, עם עולם,
ייִדיש פאָלק האָס אייביקע,
וואָס געהייליקט ס׳האָט דיין נאָמען
אונדזערע אבות די גלייביקע.

עם ישראל, עם הספר,
פאָלק פון חכמה און פון תורה,
עם ישראל, עם הנבחר
אויסדערוויילט פון בורא.

אין דיין האָפן אויפן מאָרגן
ליגט דיין כוח, דיין גבורה,
ווייזט זיך דיר פון ליכט אַ שטראַל
אָז ישיר, זינגסטו שירה:
לייענסט די סדרה מיטן טראָפּ,
קינות זאָגסטו מיט געזאַנג,
רעדסטו, האָט דיין שמועס אַ ניגון —
מיט אַ ייִדישלעכן קלאַנג.
היינט, אין קלויז, ביי דער גמרא,
ביסטו אַ מנגן, אַ זינגער,
אמר אביי, און אַ האַרבע קשיא
אַ טראַכט, אוי...
און אַ דריי מיטן גראָבן פינגער.
— — — — — — — — — — — — —
אין אַ פינצטער קעלער-שטיבל,
פול מיט שמאַטעס, אַלטע שיך,
קלאַפּט אַ שוסטער אַ פּאָדעשווע
און צום טאַקט צעזינגט ער זיך:
„אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ,
קלאַפּ גיכער אַ טשוואָק, מאַך אַ סוף״.

זיצט אַ שניידער איינגעבויגן
און ער נייט בגדים,
זינגענדיק עס לויפט ביי אים
די נאָדל מיטן פאָדעם —
„אָט אַזוי נייט אַ שניידער,
אָט אַזוי נייט ער גוט,
ער נייט און נייט אַ גאַנצן וואָך
פאַרדינט אַ גילדן און דאַרף נאָך".
שטייט אַברעמל, ביי זיין קרעמל,
און רופט מיט אַ ניגון:
קומט אָנקוקן, בלויז אַנטיקן,
קענט איר ביי מיר קריגן.
סידורים, מחזורים,
און תפילין־זעקלעך שיינע,
יאַרמעלקעס, גאַרטלען,
פאַר גרויסע און פאַר קליינע.
תנאָים און כתובות, טליתים־קטנים,
מזוזות און ציצית,
מיט שמ"רם ראָמאַנען.

— — — — — — — — — — — — —

שרייט אים איבער חיים־בער, דער קצב:
פריש צאַפּלדיק, פריש אָפּגעריבן,
כשר — מיר אַזאַ יאָר,
פון אַ שעפּעלע זענען מיר געבליבן
פיסעלעך אַ פּאָר.

אוי, פיסעלעך, פיסעלעך,
לעבעדיקע פיסעלעך,
פון די, האַלטן מיר נישט, ניין,
מיט געשטרייפטע שיך און זעקעלעך,
כ'ווייס, איר ווייסט שוין וואָס איך מיין.

יענע פיסעלעך זענען טריפהנע סחורה,
געזונטערהייט זאָלט איר הערן,

זיי זענען נישט צום קאָכן...
נאָר מ׳קען פון זיי אָפּגעקאָכט ווערן...

— — — — — — — — — —

ברענען ליכטעלעך, שטראַלט דער שבת,
לייכט איעדעס פּנים.
טאַטע־מאַמע ביי אַ טישל
מיט אַ האַלב טוץ בנים.
קידוש מאַכט מען איבער חלה
אָן פיש, מ׳באַגייט זיך,
וויניק לאָקשן... אַ סך זמירות,
זינגט מען און מען פרייט זיך.
מנוחה ושמחה אור ליהודים
יום שבתון יום מחמדים

צוויי מאָל

— — — — — — — — — —

פון דער וויטנס שמועסן צוויי,
און האָסט זיי באַלד דערקענט
אין די תנועות, אינעם דריי,
און אין מאַכן מיט די הענט.

פאָרן צוויי יידן אויפן ים
ווערט אַ שטורעמווינט, אַ שרעק,
די שיף גייט אונטער, פלוצלינג שווימען
ביידע יידן צו צום ברעג.
מען פרעגט זיי:
ווי אַזוי האָט איך זיך געראַטעוועט?
קענט איר אַזוי גוט שווימען?
שווימען? ניין,
נאָר מיר האָבן אַ גאַנצע צייט גערעדט,
ביז מיר זענען צום ברעג געקומען...

— — — — — — — — — —

איציק באַגעגנט זיין חבר בערל,
שלום עליכם, וואָס מאַכסטו, בערל?

מאַ...
וואָס מאַכט דיין ווייבל?
מנאַ...
און די קינדערלעך, וואָס מאַכן?
מאַ...
נו, דאַנקען גאָט,
און דו, וואָס מאַכסטו, איציק?
אַט...
ווי גייט עס מיט דיין געשעפט?
אַזוי...
כ׳האָב געהערט, ס׳קומט דיר אַ מזל-טוב?
אוהום...
אַ גוטן טאָג, בערל,
אַ גוטן טאָג, איציק.
מנאַ, אַז מ׳רעדט זיך אַדורך, ווערט טאַקע
גרינגער אויפן האַרץ.

— — — — — — — — — — —

פאַרוויגן אונדזערע מאַמעס קינדער,
קענט איר לידער הערן,
האַרציקע, זיסע, פול מיט ליבע,
טיילמאָל פול מיט טרערן.
אַ מאַמע זינגט:
שלאָף מיין קינד, אַוועק דער טאַטע
געפאָרן זוכן גליק.
נישט מ׳הערט און נישט מ׳זעט,
ער קומט שוין נישט צוריק.
שלאָף מיין קינד, וועסט גרעסער ווערן,
פאָרן וועלן מיר צוויי.
קוים וועלן מיר דעם גזלן טרעפן,
וועט אים זיין אָך און וויי.

אַ צווייטע מאַמע זינגט:
אונטער יידעלעס וויגעלע

שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע.

— — — — — — — — — — — — — — —

ביים שלוש סעודות זיצט דער רבי ר׳ גרונים
פאַרטראַכט אין די עולמות עליונים,
פלוצים זיפצט דער רבי, אוי, וויי,
פאַלט אַ פחד אויף די חסידים.
זאָגט דער רבי: „ייִדן, נישט געדאַגהט,
אַ זמרל, אַ זמרל״ — און ס׳ווערט ליהודים.

— — — — — — — — — — — — — — —

און אַז ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו האָט דערזען
אַ בעל עגלה אין טלית און תפילין שטיין,
און אין מיטן דער שמונה־עשרה זאָגן:
שמירט צו די רעדער פונעם וואָגן...
האָט ר׳ לוי יצחק געפונען אַ זכות
און געזאָגט צום רבש״ע אַזוי:
זע, ווי דיינע קינדער זענען דיר געטריי:
אַפילו ווען ער שמירט דעם וואָגן,
דאַוונט ער אויך דערביי.

— — — — — — — — — — — — — — —

און אַז דער חזן בענטשט ראש חודש,
ס׳איז דאָך ייִדישלעך, ס׳איז קודש,
ער גיט אַ זאָג —
ותתן לנו חיים, חיים חיים ארוכים,
חיים, חיים, חיים ארוכים —
רופט זיך אָן דער בעדער שמעיה:
אוי, אַ רוח אים אין טאַטן אַריין,
זאָגט ער — אַ מחיה...

— — — — — — — — — — — — — — —

און דער בדחן מיט זיין זאָגן
ס׳האָט געהאַט דאָך טויזנט טעמען.
זיינע חכמות, ראשי תיבות,
היינט זיין ניגון צו די גראַמען!

אים באַגלייטן פלעגט דער קלעזמער
אַמאָל — אויך סטעמפּעניו אַליין,
זיך צעוויינט אויף זיין פידל —
מלא טעם און מלא חן.

און דער בדחן פלעגט דעם עולם פאַרווײַלן,
אַ שיין מעשהלע דערציילן:

— אינדרויסן אַ שניי, אַ זאַוויערוכע,
מ׳פּאַרט חתונה מאַכן דעם כעלעמער חזן,
מאַטל היקעוואַטע;
דער וואָגן שלעפּט זיך קוים,
דער חתן שרייט ג—ג—ג—וו—אַלט!
מיר זאָלן ח־ל־ילה נישט אָנק־ומ־מ־ען
נאָך דער ח־ח־ו־פּה, טאַקע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער — די בראָדער זינגער,
אין דער השכלה־צייט,
געזונגען אַ חסידיש לידל
פול מיט פרייל עכקייט.
אַ חסידל זינגט:
אין גיהנום שמייסן וועט מען די מיידלעך,
וואָס נעמען זיך אַרום מיטן בחור ביים טאַנצן,
טראָגן אויסגעשניטענע קליידלעך,
מ׳זעט אַרוים ביי זיי, אוי,
דעם יצר הרע אינגאַנצן.
אָבער איך טאַנץ מיט מיין וויבלביילע,
אַ מצווה־טענצל מיט אַ פאַטשיילע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָבן געזונגען קבצנים, נגידים,
שוסטער, שניידער, מתנגדים און חסידים;
לידער פון ליבע, פון נויט און פון פיין,
לידער פון פרייהייט, פון ליכטיקער שיין,

גערופן די ברידער צו גיין האַנט־ביי־האַנט,
געזונגען פון בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז שוואַרצע וואָלקנס האָבן
אונדז דאָס ליכט פאַרשטעלט
און עס האָבן תּלינים
פאַרפינצטערט אונדזער וועלט,
האָט אַ יִידישער זינגער אין די געטאָ־ווענט
געוועקט און גערופן:
„עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט,
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט״.

און אַ צווייטער האָט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג
די גערודפטע געטרייסט מיט געזאַנג:
„קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ״.
און מיר זענען דאָ! מיר וועלן זיין!
ווייל אייביקייט איז אונדזער שיין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָוועק דער נעכטן מיט זיין טרויער,
אינאיינעם מיט די פּיינט.
זעט, ווי ליכטיק ס׳האָט די זון
אין מזרח אויפגעשיינט!
ווידער קלינגט אויף מאַמע־לשון
יִידיש געזאַנג,

צוויי מאָל

וואָס האָט באַלויכטן אונדזער לעבן
און געטרייסט אונדז דורות לאַנג,
יִידיש לשון,
יִידיש געזאַנג.

בערקע דער חתן

ס'שטעטל רופט מיך „בערקע דער חתן".
כאַפּט זיי די מפּלה.
הייסן הייס איך בערל מאַטיעס.
בינען בין איך — בערקע בעל-עגלה.

און בערקע איז שוין גאָר קיין יאָלד נישט
אים נאַרט מען נישט אַריין, ווי די יונגען אַלע,
בערקע איז אַ מבין אויף אַ לאָשיק, אַ שקאַפּע,
און טאַקע — אַ מבין אויף אַ כלה.

אויף אַ יאַריד באַטראַכט איך גוט יעדעס פערדל,
אַ קלאַפּ, אַ סמאַטשקע, טצ... אַ, איך קען די תורה.
נאָר אַ חתן ווערן פּרר... סטאַי, קאָבילאַ!
אַ כלה ביי מיר מוז זיין אַ וואַזשנע סחורה.

געלערנט האָב איך ביי אַ סך מלמדים.
ביי יעדן מלמד — אפשר צוויי וואָכן...
כ'האָב אָבער ליב געהאַט מיט די סוסים אויף פּאַשע
איז דער אלף-בית אין קאָפּ נישט געקראָכן.

דער טאַטע פלעגט מיט דער בייטש דערלאַנגען:
„זאָלם לערנען — בערקע — דעם רבין הערן;
אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ר'האָט מודה געווען,
אַז קיין רב וועל איך שוין נישט ווערן.

פונדעסטוועגן קען איך גאַנץ „אשר יצר",
„מודה אני" און אַ מוצא איבער דער תורה,
און אַז מ'עט דאַרפן זאָגן „הרי אתה"...
ט'מען זאָגן... ט'ניש קיין מורא...

מ'האָט מיך שמחת תורה אויפגערופן צום ספר
אינאיינעם מיט כל „האנאראַנים"

האָט שייע חסיד געלאַכט ווי כ'האָב די מוצא געמאַכט
האָב איך אים דערלאַנגט די יד אין פּנים.

ער וועט שוין געדענקען, דער חסידישער לאָשיק,
דער פּאַטש ליגט אים אין „ספר זכרון",
בערקע פאַרשטייט נישט קיין חכמות,
ביי מיר איז — וידבר — געפאָרן.

אַזוי קען איך זיך נישט באַקלאָגן,
אַ נאַש-בראַט, אַ פּאַרדינער, כ'קען אייך זאָגן.
כ'האָב אַ שטוב בירושה
איר מעגט זען אַ לענג,
מיט בעטן און בעטגעוואַנט,
טישן און בענק.

אַ חוץ וואָס ס'געפינט זיך
אין קיך דאָרט ביי מיר,
פון פּסחדיק, פליישיק
און מילכיק געשיר.

היינט מיין שטאַל —
שמעקט, אַ פאַרגעניגן,
אַ שקאַפּע מיט אַ לאָשיק,
צוויי פּאָר פערד, דריי ציגן.

אַ וואָגן אַ נייעם,
אין שטעטל נאָר איינער.
אַ צי מיט די לייצעם —
און ס'טרעשטשען די שטיינער.

און כ'פיר די פּאַרשוינען,
די באַן —אַ כפּרה,
אַלץ גייט ווי געשמירט,
נאָר — מיט איין זאַך איז אַ צרה.

כ׳געדענק ווי מיין טאַטע
פלעגט צו דער מאַמען זאָגן:
„הייבט מען אָן מיט די ווייבער,
איז צרות מיט פלאָגן״.

שדכנים פירן מיך צו כלהס.
מילא, קוק איך קודם,
צען מאָל געוועזן אַ חתן
און ס׳לאָזט זיך אויס אַ בוידעם.

די כלות... איינע אַ באַנעמעניש,
פון אַ פערד גרינגער,
אַ פאַרצעלייענע פּאַנע,
ברעכט זיך אונטער די פינגער.

די צווייטע — אַ טעלעגראַפישער סלופּ,
קיין לויט פלייש נישט פאַראַן,
אַ פּנים — ווי נאָך אַ תענית,
ווי קען זי גיין אין געשפּאַן?

איינע ווידער האָט שוין יאָ
אויף זיך אַ ביסל לייב,
קוקט ווי קאַסאָקע און לייענט מעשה-ביכלעך
און — גיי נעם אַזוינס פאַר אַ ווייב.

נאָר בערקע נעמט נישט, לאָ מיט אַ לאָשיק,
זיך אָנטאָן אַ כאַמעט... ס׳פּנים פאַרשוואַרצן?
נאָר איינע, זעט איר — דבורה דעם קלעזמערס,
זי איז מיר אַריין מיטן דישעל אין האַרצן.

קומט שבת, אָפּגעגעסן טשאָלנט, קוגל,
אויסגעסטראָיעט, וויאָ, אַרויס אויף אַ שפּאַציר.
ס׳היטל אין דער זייט, מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק,
געפּוצטע שטיוועלעך ווי, להבדיל, אַן אָפיציר.

איך שפּאַן מיר וואָיל-יונגעריש
נעם אַרוים אַלע מאָל דעם מעשענעם זייגער.
פלוצים — זי גייט! דבורהקע דעם קלעזמערס.
כ׳פאַרליר זיך... אוים בערקע... אַ פגר...

— אַ גוט שבת, דבורהקעלע! אוי, אַ פּאָר אויגן...
זי ענטפערט: גוט שבת, כ׳פיל כ׳גיי אוים,
כ׳פאַרליר ס׳לשון... ע־ע, ווו גייסטו, דבורהקעלע?
און כ׳רעד, דאַכט זיך, כ׳רעד,
און ס׳קומט עפּעם נישט אַרוים...

איך נעם איר דערציילן פון מיינע נייע פערדלעך,
פון יאַרידים, זי קוקט מיט אַ שמייכל,
און אַז דבורהלע הייבט אויף אירע צוויי קוקערס —
אוים פערד, אוים בערקע, אוים שכל...

פּרוּוו איך אַ שמועס טאָן פון תכלית,
פאַרפאַר איך ערגעץ קיין בויבעריק,
אוי, אַ בהלה...
זי זאָגט שמייכלענדיק: כ׳ווייס, בערקע,
ביסט אַ גרויסער פאַרדינער,
אַ גוטער בעל-עגלה.

דאָ נעם איך זיך אָן מיט כוח... דבורהלע, טייערע,
איר... ס׳הייסט, אויב דו ווילסט, איין וואָרט זאָג,
ווער איך אוים בעל-עגלה, כ׳קויף מיר אַ דראָזשקע
כ׳וועל פירן „פּישווינען” צום צוג.

און נאָך צוגעזאָגט איר גוטע זאַכן
און צעפּאַלאָשעט די צונג, געדאַכט זי האָט געהערט,
און — אַ גוטן שבת, בערקע. און ווייאַ, אַוועק. און איך?
שטיין געבליבן, ווי אין בלאָטע אַ בלינד פערד.

פאַר כעס האָב איך ווידער גענומען
אָנקוקן כלהס אַלערליי,

ווידער אַ חתן געוואָרן
און — כ׳בין שוין ווידער פריי...

און זי? כ׳מיין דבורהקע? אוי,
שוין לאַנג חתונה געהאַט
מיטן פידל־שפּילער חיים.
און בערקע קוקט, און ס׳האַרץ ווערט צעטראַסקעט.
נאָר — רייד צו דער וואַנט, שריי „חיים וקיים״...

מ׳רופט מיך „בערקע דער חתן״,
ווייל די וועלט פאַרשטייט נישט,
וואָס הייסט אַ כלה אָנקוקן, תנאים שרייבן,
און ווייטער ווי אַ חתן — גייט נישט...

אוי, דבורהקע, דבורהקע, נאָר וואַרט!
כ׳קויף מיר אַ דראָזשקע, וועסט מיך האָבן צו געדענקען!
כ׳וועל זיצן אויפן באָק ווי אַ קייסער
און — זאָלן די שונאים קרענקען.

סטאָי, כ׳האָב צייט,
און אַז דו וועסט שוין זיין אַן אַלטע קאַבילע,
וועסט אויך דעמאָלט הערן,
אַז בערקע איז נאָך אַלץ אַ בחור
און גייט ערשט אַ חתן ווערן...

און בערקע וועט נעמען אַ כלה,
אַט אַזוי אָ... צו גאָט און צו לייט,
ש׳קשה, זרח קצבס טאָכטער,
טאַקע נישט קיין פּריצה,
אָבער אַן אָסאָבע, ווי אין תרגום שטייט.

און, ווי פלעגט מיין טאַטע זאָגן:
„אַ לייכט פּריציש פערדל טויג אין דער ערד,
שלעפּן אַ שווערן וואָגן,
קען נאָר אַ בעלגיש פערד״.

זרח קצבס טאָכטער, אָט אַ פּאַרשוין!
געזונט ווי אַ פּרישער אַרבוז, אַזאַ מויד,
אַז זי דערזעט מיך, לאָזט זי אַראָפּ די אויגן
און די באַקן ווערן ווי די עפּל רויט.

און האַלט זיך נישט אין גרויסן,
נישט אַזוי געצאַצקעט ווי דו,
איז וואָס ביסטו אַקעגן איר?
איר איין פּוס דעקט דיך צו.

און זרח וויל מיך פאַר אַן איידעם,
זאָל איך אומזיסט וואַרטן?
פאַרדרייען זיך די יאָרן?
לאַ מיט אַ דישעל,
אויס בערקע חתן,
כ'האָב חתונה — און יאַזדאַ!
איינגעשפּאַנט און געפּאָרן...

פּאַריז, 1948.

אַ יידישע טאָכטער

(באַלאַדע)

אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן,
ווו ס'האָט יידיש לעבן געבליִט,
איינגעפלאַנצט פון אַלטע דורות,
יידישקייט פרום אָפּגעהיט.

קרעמער און אויך בעל-מלאכות,
אַ רב און אַ ראש הקהל,
געפירט זיך ווי זייערע זיידעס,
געלעבט אַזוי ווי אַמאָל.

ביים שטעטל פליסט רויִק אַ טייכל
ס'איז קיינמאָל פון די ברעגעס אַרויס,
אַזוי האָט געפלאָסן דאָס לעבן
באַשיידן, יאָר-איין, יאָר-אויס.

געוווינט האָבן דאָרטן צוויי שכנים,
ביי יעדן אַ קינד איז געווען.
ביי איינעם אַ יינגל אַ ווילער
ביים צווייטן — אַ מיידל פול חן.

עס פלעגן די קינדער זיך שפּילן
אין שניי ווינטער, זומער ביים טייך,
געגאַנגען אינאיינעם אין חדר,
ווי שוועסטער און ברידער גלייך.

עס לויפן די טעג און די יאָרן.
די קינדער, זיי ווערן שוין גרויס,
און צו יאַנקעלעס בר-מצווה
שטיקט רחלע אַ תפילין-זעקל אויס.

אין שיל זאָגט יאַנקעלע אַ דרשה.
די עלטערן, דאָס שטעטל, אַלץ קוועלט,
מ׳זאָגט, אַז דאָס וואַקסט אויס אַ בחור
וואָס שמען וועט אויף דער וועלט.

רחלע הערט אַלע שבחים,
ווי ס׳ווערט יאַנקעלעס נאָמען דערמאָנט,
פאַררויטלט זי זיך און פאַרשעמט זיך,
פאַרדעקט זיך דאָס פּנים מיט די הענט.

און נאָך דער בר־מצווה שפּאַצירן
יאַנקל מיט רחלען אַליין,
און ביים בלויען הימל זיי שווערן
אויף אייביק אינאיינעם צו זיין.

און ווידער אַוועק אַ פּאָר יאָר,
צוויי שכנים זיי זיצן אַצינדער,
שמועסן זיך דורך מכוח
אַ תכלית פאַר זייערע קינדער.

רחלע בליט ווי אַ רויז,
יאַנקל — אַ בחור אַן אַנטיק,
די קינדער — איין האַרץ, איין נשמה,
באַשטימט מען די תנאים מיט גליק.

אַ רעש, אַ געטומל אין שטעטל,
מ׳הוליעט, מ׳זינגט אָן אַ סוף.
דער אַלטער רב לייענט שוין די תנאים,
טעלער מ׳ברעכט — מזל־טוב!

באַשטימט מען דעם טאָג פון דער חתונה,
איה״ש נאָך שבת שירה.
טאַטע־מאַמע גרייטן פאַרן פּאָרל
באַלעבאַטישקייט, מעבל, אַ דירה.

נאָר פלוצלינג — פאַרוואָלקנט דער הימל,
שרעקלעכע ווינטן אָניאָגן.
בייזע און פינצטערע בשורות
הייבן זיך אָן ארומטראָגן.

אַעראָפּלאַנען פליִען, באָמבאַרדירן,
דאָס שטעטל שטייט אין פלאַמען.
עס פאַלן די ברענענדיקע הייזער,
פאַרזינקען מיט מענטשן צוזאַמען.

עס יאָגן באַלד אָן דייטשע מערדער
און גייען פון הויז צו הויז.
עס דונערן זייערע קולות:
„יודען, שנעלער הערויס!"

מען טרייבט אַרויס זקנים און קינדער,
קראַנקע און שוואַכע מען יאָגט.
דער מערדער, דער דייטש, אָן רחמנות,
„פאַרוועררטס!", ער שרייט און ער שלאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ קאַמף מיט אַ פילפאַכן שונא
האָט מען זיי ביידע געפאַנגען.

אין דייטשן שטאַב, מ'נעמט זיי אויפן פאַרהער,
מ'האָט יאַנקלען געמאַטערט, געשלאָגן,
זאָג! ווו געפינען זיך די פּאַרטיזאַנער?
יאַנקל שווייגט, וויל קיין וואָרט נישט זאָגן.

יאַנקל ליגט שוין פאַרבלוטיקט אויף דער ערד
יודין, גיב דו אוים דאָס אָרט!
רייד! פערפלוכטע נאָך איין מאַל!
רחל — זי רעדט נישט קיין וואָרט.

זיי נעמען איר קלעמען די פינגער,
מיט ציגאַרן מ'ברענט איר די הויט.

רייד יודין! זאָגט ווירסטו
געפייניקט, געמאַטערט צום טויט.

נישט געקענט צוזען האָט יאַנקל
די יסורים, וואָס רחל ליידט,
ער שפּרינגט אויף און שרייט: הערט אויף!
איך וועל אַלע סודות אויסגעבן!
נאָר זי אַליין לאָזט לעבן...

גוט, רייד, דאַן פיר אונדז צום אָרט.
יאַנקל וויל ריידן,
אַלד זאָגט ער אַלץ אויס.
רחל ציט גיך איר
רעוואָלווער אַרויס,
צו יאַנקלען צוגעלאָפן,
אַ שאָס — — —
יאַנקלען אין הארץ געטראָפן.

די צווייטע קויל זיך אַליין.
און צו יאַנקלען זענען אירע לעצטע ווערטער געווען:
שטאַרבן אויף קידוש השם!
לעבן, און פאַרראַטן די ברידער?
ניין. — — —
אַ ייִדישע נשמה מוז בלייבן ריין!

ס'איז ווערט יעדער קרבן
צו באַפרייען די וועלט.
ווייס, מערדערישער שונא,
אז אַ ייִד שטאַרבט ווי אַ העלד.

מ׳נאַרט זיך און יענעם

(שקר)

די וועלט איז שיין, די וועלט איז גרויס,
די זון שיינט פאַר יעדן.
איז, דאַכט זיך, גוט! — ס׳איז אָבער מער
גיהנום ווי גן־עדן.
מ׳זאָגט אויף יושר און אויף אמת
איז אַלצדינג געשטעלט.
מ׳נאַרט אונדז אָפּ, ווייל שקר, ליגן,
דאָס רעגירט די וועלט.

שוין די מאַמע חוה אין גן־עדן
האָט אדמען פאַרדרייט דאָס קעפּל;
נישט דערציילט אים פון דער שלאַנג,
נאָר אָפּגענאַרט אים מיט אַן עפּל...

לבן הארמי האָט געהאַט צוויי טעכטער:
אַ רחל און אַ לאה.
און איבער ביידן האָט רב לבן
געהאַט די גאַנצע דעה.
ווען יעקב אבינו האָט געוואָלט
רחלען פאַר אַ ווייב געווינען,
האָט לבן געזאָגט: איך גיב זי דיר
נאָר זיבן יאָר מוזטו מיר דינען...
אָפּגעדינט די זיבן יאָר,
ביים מחותן, דעם געטרייען,
האָט אים לבן אין דער חתונה־נאַכט
אָנשטאָט רחלען — אונטערגערוקט לאהן.

און פונקט ווי ס׳איז געווען אַמאָל,
פירט די וועלט זיך ווייטער.

אייך נאַרט אַפּ דער ערשטער
און אים — נאַרט אַפּ אַ צווייטער.

אַ ווייב פרעגט מיט כעס איר מאַן:
—פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען?
האָט דער מאַן אַ גרייטן תירוץ:
— כ׳בין אויף אַ זיצונג געווען פאַרנומען.
— איך קען שוין דיינע „זיצונגען״,
זיי האָבן מיר שוין דערעסן.
די שונאים זאָלן אַזוי לעבן,
ווי דו ביסט אַ גאַנצע נאַכט געזעסן...

אַ מאַן פרעגט אינדערפרי זיין ווייב:
— וווּ ביסטו געווען אַ האַלבע נאַכט?
ענטפערט ס׳ווייב: — וואָס הייסט וווּ?
ביי מיין חברטע האָב איך פאַרבראַכט.
— ליגנערטע! — שרייט אוים דער מאַן —
וואָס דערציילסטו פאַר אַ שמאַנצעס?
איך קען שוין גוט דיינע חברטעס,
אַ „חברטע״ מיט וואָנצעס...

זי גלייבט נישט אים; ער גלייבט נישט איר,
עס נאַרט יעדער — דו און איך.
נאַרסטו מיך, נאַר איך דיך.
נאַרן מיר ביידע זיך.

לאָמיר זאָגן: איך אַליין,
כ׳האָב שטענדיק אויף אַ גליק געוואַרט.
זיך איינגערעדט — די וועלט איז מיין
און שטענדיק זיך אַליין גענאַרט.
ס׳האָט צוגעזאָגט מיר דער מחותן
אַ שיינע דירה אין אַ הויז אַ גרויסן.
געגעבן האָט ער מיר... די טאָכטער,
כאַטש גיי און שלאָף מיט איר אין דרויסן.

און אָפּגענאַרט האָט מיך מיין ווייבל.
דאָס איז אַ באַזונדער עסק,
געזאָגט, אַז זי איז אַלט ערשט אַכצן
און איז אַ מציאה — פינף און דרייסיק...

אַ בריליאַנט פאַרקויפט מיר איינער.
ער שווערט אַז דאָפּלט ווערט איז דאָס,
איך באַצאָל און גיי אים שאַצן:
אוי, אַ קלאָג! ס'איז פּראָסטע גלאָז!

און היינט אונדזער יִדישקייט,
נישט געזינדיקט מיט די רייד,
פון כלי־קודש, פרומע לייט,
נישט מ'הערט און נישט מ'זעט.

שבת נאָכן קוגל, גאָר פלוצים,
קומט דער שוחט צום חזן צוגיין.
—גוט־שבת, חזן... אוי, וואָס איז דאָס?
דער שוחט בלייבט דערשראָקן שטיין.
דער חזן זיצט און רויכערט אַ ציגאַר.
געוואַלט! אום שבת? איר, אַ חזן, אַ בעל־תפילה?
ווי מעגט איר צוגיין צום עמוד?
שבת אַ ציגאַר? דאָס וועט וויסן די קהילה.

דער חזן זעט ס'איז ביטער,
גיט ער גיך די טיר אַ פאַרשפּאַר
און כאַפּט אָן דעם שוחט פאַרן קאָלנער
און שטופּט אים אין מויל זיין ציגאַר.
— רויכערט! — זאָגט ער צום שוחט —
אויב נישט, וועט איר קיין לעבעדיקער
פון דאַנען נישט אַרויסגיין.
רויכערט! וועט איר מוזן שווייגן,
און נישט דערציילן וואָס איר האָט געזען.

— מילא, אַז איר צווינגט מיך,
מוז איך רויכערן אום שבת — זאָגט דער שוחט -
איך האָב מיינע אייגענע פּאַפּיראָסן —
און נעמט אַרויס שוועבעלעך אויכעט...

היינט, גיי וויס און זיי אַ חכם
וואָס ביי יענעם טוט זיך.
אַז אָפּגענאַרט איז יעדער,
נאָר איינער פאַרן צווייטן היט זיך.

עס נאַרט דער קאַוואַליר די דאַמע,
עס נאַרט דער זון — טאַטע־מאַמע,
נו, און די ציימונג? די רעקלאַמע?
לויטער אמת מן הסתמא...

נאַרט דער דאָקטער אָפּ דעם חולה,
רעדט אים איין אַ קרענק אַ ווילע,
נאַרן כלל־טוער און בעלי־טובות,
נאַרן בענק אָפּ די בעלי־חובות.

ליגן זאָגט מען אין די אויגן,
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן,
פונעם פינגער אויסגעזויגן.
די פּאָליטיק און די קריטיק,
די אַקטיאָרן, דירעקטאָרן,
די קהילה, דער בעל־תפילה,
די אַלמנה און די בתולה,
אַלע שמייכלען מלא גדולה
און ס׳הייבט זיך גאָר נישט אָן אַפילו.

ווייל דער שקר
ס׳רעדל פירט,
אין אַלע לענדער
ער עקזיסטירט.

און דער אמת?

אַהאַ! ר׳האָט שוין לאַנג באַנקראָטירט!
ווי זאָגט דער גרויסער פרץ:
ס׳שטייט אין לו רגלים,
ס׳הייסט: דעם שקר פעלן די פיס.
פאַרט ער אין קארעטן
און דער אמת גייט צופּיס...

און ווּ איז יושר?
אפשר ווייסט איר? זאָגט, אדרבה...
יושר! זיינע אותיות זענען: י.ו.ש.ר.
דאָס מיינט: יתגדל ויתקדש שמיה רבה...

נאָר לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן
די בשורות טובות הערן,
אַז צום חושך נעמט אַ סוף.
עס וועט נאָך ליכטיק ווערן.

ווי געזאָגט עס האָט דער נביא,
דאָס איז פעסטגעשטעלט.
ס׳וועט זיין אמת, יושר, שלום,
אויף דער גאַנצער וועלט.

בוענאָס איירעס, 1956.

קאַרטן־משוגעת

פון שלמה המלך די קלוגע רייד
לכול עת, לכול זמן,
אויף מאַמע־לשון דאָס באַטייט:
אַז אויף אַלץ איז אַ צייט פאַראַן.

לויט ווי דער חכם אונדז דערציילט,
איז אַ שאָד איעדע שעה.
ס׳לעבן דאַרף זיין איינגעטיילט,
ווייל שפּעטער, איז דער פריער נישטאָ.

לאָמיר טאָן אַ קוק,
ווי מ׳האָט געלעבט מיט יאָרן צוריק.

דער פרומער ייִד
איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי,
געוואַשן די הענט,
געזאָגט „מודה אני",
אַריין אין בית־המדרש,
אַ דאַוון געטאָן.
געהאַנדלט, געלאָפן,
אַהער און אַהין,
נאָך מנחה־מעריב
אין קלויז בלייבט ער דאָרט.
געקוקט אין אַ ספר,
געהערט אַ גוט וואָרט.
שפּעטער — מיט ווייב
און קינדער פאַרבראַכט.
אָפּגעלייענט קריאת־שמע,
און — אַ גוטע נאַכט.

דער ייִד דער מאָדערנער,
האָט זיך אַנדערש געפירט.
געהאַנדלט, געאַרבעט,
אָדער שטודירט.
געשפּילט אַמאָל אַ שאָך,
אין טעאַטער געווען,
געהערט אַ קאָנצערט,
אַן אויסשטעלונג געזען,
אַ צייטונג, אַ בוך
האָבן אויך גוט פֿאַרווײַלט.
ווי שיין איז דאָס לעבן
געווען אײַנגעטיילט.

און היינט?

מ׳זיצט, שטאַרק צעהיצט,
עולם שוויצט,
ס׳פּנים רויט, דער שטערן נאַס,
פֿאַרטיפֿט, אַנו פּרווט
איינעם רופֿט,
פֿונעם טיש, חלילה, וחס.

וואָס, אַ שטייגער, טוט מען דאָרטן?
מ׳שפּילט אין קאָרטן.

בײַ יעדער געלעגנהייט,
בײַ מיר צי בײַ דיר,
ווי ס׳קומען זיך צונויף
אַ צוויי־דריי אָדער פֿיר,
ס׳תּהילימל אויפֿן טיש,
אַ כאַפּ און אַ שיט,
זאָל די וועלט זיך איבערקערן.
ווער דאַרף זען, ווער דאַרף הערן...
אויף תּנאים, אַ חתונה,

באַלד נאָכן ערשטן בים —
אַפילו ווען מ'קומט זיך
צונויף אויף אַ ברית,
דער מוהל נאָך פאַרוויקלט
ביים קינד דעם פאַרבאַנד,
מ'זוכט שוין, מ'שרייט שוין —
אַ האַנט, ס'פעלט אַ האַנט!

אַ מזומן צום בענטשן
איז שווער צו באַקומען.
דער עולם — ער שפּילט,
ס'איז דער עולם פאַרנומען.

— איך האָב ביז דער דאַמע!
— כ'האָב ביזן קעניג!
— פאַלש, פאַלש!
קולות, קריג,
— ס'פעלט דאַ געלט!
— ווער האָט נישט איינגעשטעלט?
— דאַכט זיך, אַז דו.
— אַ זיכער-נעמער ביסטו!
אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער,
— גענוג! איך שפּיל נישט מער !
— איך שווער ביי ווייב און קינד,
אַז ס'איז ס'לעצטע מאָל געווען אַצינד.

שאַט! זעט נאָר דעם געוואַלט!
מ'ווערט מיינען, מ'שלאָגט זיך באַלד...
אָפּגעקריגט זיך, אָפּגעקילט,
און מ'אַרבעט ווייטער — מ'שפּילט...

נו, און אַמאָליקע ווייבער!
געווען פאַרטאָן אין באַלעבאַטישקייט
און ווידער, אין דער פרייער צייט,

האָט די מומע יענטע־הענע
געלייענט די צאינה־וראינה,
די טאַנטע יאָהאַנע,
געלייענט ראָמאַנען, געשפּילט פּיאַנע.

און היינט?

היינט פאַרברענגען זיי די צייט בעסער.
ביי ווייבער איז דער קאָרטן־יצר־הרע
נאָך שטאַרקער, נאָך גרעסער,
ווער מיר היים, וואָס מיר מאָן,
— כאַקאָבאָ, היינט עסן מיר
אין רעסטאָראַן.
ווער האָט צייט צו ווירטשאַפט,
ווער האָט צייט צום קינד?
אַז ביי סעניאָראַ פלוידערזאַק
גייט אַ שפּיל אַצינד?

און עס זיצן צוזאַמען
אויסגעפּוצטע דאַמען,
מאָדערן, עלעגאַנט,
די קאָרטן אין האַנט.
אינמיטן דערינען
האָט חנהטשע געוווּנען.
און ביילע מיט מינען
קענען נישט פאַרגינען.
און בייזע בליקן
נעמען זיך איבערקוקן.
— די קאָרט איז מיינע —
שרייט שרה־ברײנע.
— ס'הייבט זיך נישט אָן!
ס'אַ פאַלשער קאָן.
און ס'ווערט אַ געפּילדער,
אַלץ שטאַרקער, אַלץ ווילדער,

קווא, קווא, קווא, קווא,
פונקט ווי קאַטשקעס גאַנצע מחנות,
און ס׳ווערן די עלעגאַנטע דאַמען
פאַרוואַנדלט אין פשוטע יאַכנעס...

און דער סוף?

מ׳שטייט אויף צעבראָכן,
ווי אַ הערינג אויסגעווייקט.
אַמאָל שטייט מען אײַנגאַנצן נישט אויף
ווייל — מ׳האָט זיך נישט געלייגט...
אין דער היים איז אַ חורבן.
ס׳בלאָזט אַ קאַלטער ווינט,
מאַן און ווייב זענען פרעמדע.
הפקר איז דאָס קינד.
אַ נאַכט זיך אויסשלאָפן
ווער קען זיך פאַרגינען?
מ׳האָט נעכטן פאַרשפּילט,
גייט מען היינט אָפּגעווינען.
און דער היינט, פירט ווי מאָרגן,
אויף דעם זעלבן וועג.
מ׳שפּילט און מ׳פאַרשפּילט זיך
די נעכט און די טעג.

צי פאַרמאָגט שוין דאָס לעבן
קיין שענערס, קיין בעסערס,
צי איז נישט פאַראַן שוין
קיין העכערס, גרעסערס.
למשל, ביכער, זשורנאַלן,
די גייסטיקע ווערטן.
לעקציעס און בילדער,
טעאַטער, קאָנצערטן,
כ׳פאַרשטיי מ׳פאַרברענגט אויך
אַ שעה ביי אַ שפּיל.

אָבער טאָג און נאַכט קאָרטן —
דאָס איז שוין צופיל.
דאָס ברענגט צו מחלוקת,
צו שנאה, צו כעס.
מ׳דאַרף זיך באַפרייען
פון קאָרטן־משוגעת.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג-לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווישאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד"ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד"ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — העגעך
30) ד"ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פֿאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...

36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן

39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש (זכרונות)

51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אַשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פּערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע, 1937
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך
83—82) יצחק פּערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
86—85) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספאַרקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
92—91) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין געדריש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)
96—95) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).
98—97) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)
101) י. הירשהויט — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאָנד, פּאַריז, 1958).
109—108) מרדכי שטריגלער — געצאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
111—110) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1956).
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, בוענאָס־איירעס, 1956).
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)

114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באָקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פּנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה
147) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן

עס גרייט זיך צום דרוק:

שלמה ברייַנסקי — זשעלעכאָוועד מענטשן
זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
ד״ר יצחק שוואַרצבאַרד — אונדזער קאַמף אין יאָרן פון חורבן
מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן
דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פּאַרהאַנג

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פוילישע ייִדנטום

נ. שמן שרייבט וועגן ד״ר יוסף טענענבוימס בוך „גאַליציע — מיין אַלטע היים״ („דער אידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, 19טער יוני 1953):

דאָס איז דער 87סטער באַנד פון דעם באַרימט געוואָרענעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום״, אונטער דער ענערגישער און פאַכמענישער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און פאַרלאַג־לייטער אברהם מיטעלבערג. אַ דערגרייכונג פאַר אַ ייִדישן פאַרלאַג; בולטע סימנים פון שווונג, התלהבות און פעיִקייט פון אַ רעדאַקציע און אַ פאַרוואַלטונג.

דאָס ווערק, פערזענלעכע מעמואַרן, אָבער דאָך שטעלט עס מיט זיך פאַר אַ גאַר וויכטיקן בייטראַג צו דער געשיכטע פון גאַליציש־פּוילישן ייִדנטום! דאָס זענען זכרונות, וועלכע דאַרפן און מוזן באַטראַכט ווערן פאַר געשיכטע, נישט אַכטנדיק די באַשיידנקייט פונעם מחבר, אַז עס איז בלויז „אַ געמעל פון אַ תקופה, וועלכע איך האָב פערזענלעך מיטגעמאַכט, מיטגעפילט און מיטגעווירקט אין איר״ (הקדמה).

אמת, ס׳פעלן נישט אויפן ביכער־מאַרק, באַזונדערס די לעצטע יאָרן, ביכער פון מעמואַרן כאַראַקטער, פון גרעסערן אָדער קלענערן פאַרמעסט. מען מוז אָבער צוגעבן, ווען מען איז אָביעקטיוו אין צוגאַנג, אַז „גאַליציע מיין אַלטע היים״ איז עולה על כולם און דאַרף באַגריסט ווערן פון אַ סך שטאַנדפונקטן. עס איז אַ קלאַסיש מעמואַרן־בוך, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס בעסטע פון אַזאַ ווערק און דעם פאַרלאַג קומט אַ באַזונדערער יישר כוח פאַר דערמעגלעכן די דערשיינונג פון אַט דעם ווערק אַלס אַ רינג אין דער קייט פון זייערע וויכטיקע אויסגאַבעס פאַר דער פולער, לעבעדיקער געשיכטע פון פוילישן ייִדנטום.

ד״ר יוסף טענענבוים פאַנגט אָן זיינע מעמואַרן מיט אַ געשיכטלעכן אַריינפיר וועגן גאַליצישן ייִדנטום, מיט דער געשיכטע פון לעמבערג און „רויט־רייסן״ (מזרח גאַליציע), וואָס רעכנט איר באַגין פון 10טן יאָרהונדערט.

עס איז אַ „קורצער געשיכטלעכער איבערבליק״, אָבער אַ גרינטלעכער, באַזירט אויף די בעסטע מקורות, לעבעדיקע פאַקטן און דינאַמישע פאַסירונגען... לעמבערג, ברענגט ער, איז געגרינדעט געוואָרן אַרום דעם יאָר 1250 און טראָגט דעם נאָמען פון

פּרינץ לעוו, זון פון הערשער דאַנילאָ. אין יאָר 1340, איז די שטאָט איינגענומען געוואָרן פון פּוילישן קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער און אַזוי איז זי איבערגעגאַנגען פון הערשער צו הערשער, פון מלוכה צו מלוכה...

פאַר יידן איז דאָס לעבן אין דער שטאָט געווען זייער שווער. זיי האָבן געהאט וווינרעכט אין אַ ווינקל פון שטאָט, אין דער „פאָרשטאָט" צווישן דעם טייך פּעלטעוו און דעם אַלטן רינעק — אונטער דער „פּאָדזאַמטשע" (אונטערן שלאָס).

ד"ר טענענבוים לערנט מיט אונדז אַ קאַפּיטל געשיכטע מיט אַלע וויכטיקע פּרטים, פון מזרח גאַליצישן וווּקס, אַלס אַלגעמיינעם ישוב און באַזונדערס אַלס יידישער ישוב: דער צושטאַנד פון אָרטיקן יידנטום ביז דער צעטיילונג פון פּוילן. ער גיט אָבער סיי די מיאוסע ברוטאַלע מעשים פון די מאַכט־אָרגאַנען און סיי די (זאָל זיין זעלטענע) שענערע מעשים פון לעמבערגער שטאָט־מאַכט, ברענגענדיק צוויי באַזונדערע פאַקטן פון צוויי ספּעציפישע פּעריאָדן ווען דער לעמבערגער מאַגיסטראַט האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן די יידן און די לעצטע זענען בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק און אויסלייז־געלט, איין מאָל אין 1463, ווען דער פּויפּסט האָט פּראָקלאַמירט אַ קרייצצוג קעגן די טערקן און דאָס צווייטע מאָל אין צייט פון כמעלניצקי אין יאָר 1648 (שנת ת"ח).

לעמבערגער יידן האָבן אָבער געהאַט גענוג אויסצושטיין אין אַלע צייטן, פון די אָפּטע אָנפאַלן אויף זיי מצד די שטאָטישע און אַרומיקע איינוווינער. אין יוני 1664 האָבן די יעזויטן באַפאַלן די יידישע באַפעלקערונג. 129 יידן זענען אומגעקומען, צווישן זיי, די צוויי זין פון ט"ז, די קדושים ר' מרדכי און ר' שלמה, אַזעלכע געשעענישן זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג און ד"ר טענענבוים אין זיין ווערק שרייבט אַ סך וועגן אָט די פאַלן און ליידנס־געשיכטע פון גאַליצישן יידנטום. ס'לייענט זיך זייער געשפּאַנט און אינטערעסאַנט.

אין צווייטן קאַפּיטל, באַהאַנדלט דער מחבר די עפּאָכע פון דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן (1772) און די עסטרייכישע אָקופּאַציע פון גאַליציע אין צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט רעגירט אַ פּרוי, קאַטערינע די צווייטע און אין עסטרייך — מאַריע טערעזע. די מאַפּע איז אַלע מאָל געענדערט געוואָרן. מ'האָט צווישן זיך נישט געקענט אויסקומען מיט דער חלוקה פון רויב. ערשט אין 1734, אין צייט ווען אין מערב האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פעלקער־פרילינג, די רעוואָלוציעס, האָט עסטרייך פאַרנומען סטאַביל רויטרייסן (מזרח גאַליציע) און קליין פּוילן (מערב גאַליציע). דער מחבר גיט דאָ אַ סך פּרטים פון דעמאָלטיקן יידישן לעבן ביז 1918, פּוילנס באַפרייונג, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און די פאַרשיידענע צרות וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויף יידן, באַגלייט מיט דעם עקאָנאָמישן דרוק, הויכע שטייערן און באַשרענקונגען אויף יידישן מסחר...

און דאָך זענען ייִדן געשטיגן גאָר הויך קולטורעל און גייסטיק!

וועגן דעם רעדט ער פּרטימדיק אין דריטן קאַפּיטל, זיך אָפּשטעלנדיק באריכות וועגן דער השכלה, אָנהייבנדיק פון ר׳ אהרן בן משה צבי, פון גריידינג (מחבר פונעם דקדוק־ספר „אהל למשה״, 1765) ביז די משכילים פון אונדזער צייט. אַ גרויס אָרט פאַרנעמט אין דער השכלה, דער משכילישער „בית ספר״ און דאָ גיט ער איבער אינטערעסאַנטע שטריכן פון יוסף פּערלס „פריישולע״ אין טאַרנאָפּאָל, זיינע פאַרדינסטן אַלס דערציִער פון דעם השכלה־דור, העצערישע מעשים, מסירות אא״וו צו באַקעמפן חסידות. ער שרייבט אויך וועגן דעם באַרימטן משכיל שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר) רב אין טאַרנאָפּאָל, שפּעטער אין פּראַג, ווערנדיק איינער פון די באַרימטסטע משכילים אין דור.

דער פערטער קאַפּיטל איז געווידמעט רבנים און רביים אין גאַליציע, איבערהויפּט אין לעמבערג. ער גיט אַ פולע רשימה פון לעמבערגער רבנים פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט ביז דעם לעצטן לעמבערגער רב ר׳ לייב ברוידא, דער פירער פון די שטרענג אָרטאָדאָקסישע ייִדן און דעם ראַבינער ד״ר יחזקאל לעווין (אייניקל פון ר׳ יצחק שמעלקעס) וועמען די אוקראַינער האָבן אומגעבראַכט אין די ערשטע טעג פון דער נאַצי־אָקופּאַציע (זע, ז״ז 39־45).

דער מחבר ווייזט אַרויס נישט ווייניקער בקיאות וועגן חסידות אין גאַליציע, די רבייִשע הויפן. ער שרייבט וועגן דעם, נישט ווי אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, נאָר ווי אַן אייגענער היימישער מענטש... ער קען דאָס חסידות פון דער נאָענט, איז באַקענט מיט אירע גרונטלייגער און זייערע נאָכפאָלגער. ער שרייבט נישט בלויז פון דער ליכטיקער זייט, נאָר אויך פון דער שאָטנדיקער, פון די אייניקלעך, וועלכע האָבן דעם חסידיזם פאַרוואַנדלט אין אַ קאַריקאַטור... עס איז אַ גאָר אינטערעסאַנטער קאַליידאָסקאָפּישער שפּאַציר איבער די חסידישע דינאַסטיעס: ריזשין, הוסיאַטין, בעלז, טשאָרטקאָוו, קאָסאָוו, וויזשניץ, באָבאָוו, סאַנדז א״א. ער באַשרייבט די מחלוקות כלפי חוץ און די אינערלעכע רייסערייען און קריגערייען. זיין רעזומע, חסידיזם האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן גאַליציש־ייִדישן לעבן נישט בלויז אין גייסטיקן זין, נאָר אויך סאָציאַל - פּאָליטיש - געזעלשאַפטלעך.

ד״ר טענענבוים לערנט מיט אונדז אַ פּסק עסטרייכישע געשיכטע, די ירידות און עליות פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע, די הויף־סקאַנדאַלן, די אינטריגעס, בלוט - פאַרגיסונגען, אויפשטאַנדן — און דעם ייִדישן אָנטייל אין אַט די קאַמפן, קעמפענדיק פאַר די ייִדישע רעכטן, וואָס זענען דערגרייכט געוואָרן אָפיציעל נאָך דער עמאַנציפּאַציע פון 1867. ער שרייבט וועגן אַלץ מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט, ווי ער דריקט זיך אויס: „ווין די שטאָט פון מיינע חלומות...״ זיין ליבע צו לעמבערג און ווין! זיי זענען אים טיף איינגעבאַקן, „איינגעקריצט אין זיין נשמה״... ער לעבט אין ניו־

יאָרק און שטעלט זיך פאָר לעמבערג און ווין, ווו ער האָט „געלערנט מעדיצין ביי די גרעסטע וועלט־אויטאָריטעטן“... ער רעכנט אויס די קינסטלער, מוזיקער, שריפטשטעלער, דיכטער און וויסנשאַפטלער פון ווין און אין גרויס עקסטאַז, דריקט ער זיך אויס: „איך וואָלט געקענט אויסנוצן ימים פון טינט און אַלץ ניט בלייבן גערעכט צו דער גרויסקייט פון ווין!“ (ז׳ 86). אָבער דער עיקר ווילן מיר קומען צו זיינע מעמואַרן פון לעמבערגער פּאָגראָם, זיינע דערינערונגען פון די יאָרן 1918־1920 ביז ער פאַרלאָזט זיין אַלטע היים, באַזעצט זיך אין ניו יאָרק, די אַדאָפּטירטע נייע היים. ווי אַ מעמואַריסט פון קלאַסישן פאַרנעם אין די שפּראַך רייך, לעבעדיק, לייכט און בילדלעך, וואָס גיט צו ספּעציעלן חן.

ד״ר טענענבוים שילדערט פּרעכטיק די פּאַרטייען, באַוועגונגען, פירנדיקע פיגורן, אַסימילאַנטן און בכלל אַלע ווירקנדיקע כוחות. ער שילדערט דעם מצב פון דער העברעיִשער, ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע, אירע וויכטיקע אָנפירער און אַלץ מיט אַזאַ וואַרעמקייט און פאַרערונג. ער רעדט מיט פאַרערונג פון דעם וועטעראַן־פירער פון פוילישן ייִדנטום, דר. עמיל זאָמערשטיין, וואָס געפינט זיך אַ קראַנקער אין ניו יאָרק — און צום סוף אַ פולע רשימה פון די גאַליציישע וואָרט־פירער, ריכטער, זשורנאַליסטן, שריפטשטעלער, פען־מענטשן פון באַרוף, סיי פון פריִערדיקן און סיי פון אונדזער דור — באַדייטנדיקע שאַפנדיקע כוחות אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

אין קאַפּיטל „צווישן האַמער און קאָוואַדלע“, שילדערט ער דאָס טראַגישע קאַפּיטל פון גאַליצישן ייִדנטום בעת און נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, די פּאָגראָמען אין לעמבערג און אין אַנדערע שטעט, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פּאָליאַקן, בעתן פונאַנדערפאַל פון דער אַלטער עסטרייכישער אימפּעריע. די סיטואַציע איז באַזונדערס שווער געווען פאַר די ייִדן. אַ מעכטיקער ישוב פון איבער צוויי מיליאָן, איז צעטיילט געוואָרן. דער שטח אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן איז פּלוצלונג לויז געוואָרן און איז זיך „צעפלויגן אין אַלע ריכטונגען...“

ער שילדערט אַלע פּרטים פון יענער עפּאָכע און ווייזט אַרויס געוואַלטיקע בקיאות, באַהאַוונטקייט און פאַרשטענדעניש — אין אַ סך פאַקטן איז ער אויטענטיש און היסטאָריקער פון דער עפּאָכע וועלן זיך מוזן באַנוצן מיט זיין גענויען באַשרייבן די פּאָגראָם־כוואַליע, די שרעקלעכע שחיטה אין לעמבערג... מיר וועלן ציטירן בלויז איין פּאַראַגראַף:

„די שטאָט לעמבערג האָט אָנגענומען דעם אויסזען פון אַן אמתן שלאַכטפעלד. דער מאַגיסטראַט האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. קיין פּאָליצײַ איז נישט געווען, און עס איז געווען קלאָר, אַז די ייִדן מוזן זיך אַליין באַשיצן קעגן רויב, מאָרד און גנבה...“

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישער „זיכערקייט ־ אויסשוס“, צונויפגע־

שטעלט פון כמעט אַלע פּאַרטייען
(ער רעכנט אויס די נעמען, גיט איבער
די פּראָקלאַמאַציעס און קול־קוראס).
ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט
צו באַזאָרגן דער ייִדישער באַפעלקע־
רונג מיט שפּייז; ער אַליין האָט פאַר־
נומען אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין דעם
קאָמיטעט און אַלץ איז געגאַנגען
כשורה; די ייִדן האָבן זיך געהאַלטן
שטאַרק נייטראַל, אינעם קאַמף צווישן
די אוקראַינער און די פּאָליאַקן, נישט
געוואָלט אַרויסרופן קעגן זיך דעם
צאָרן פון וועלכן נישט איז צד, און
דאָך, ווען די לעצטע האָבן מנצח גע־
ווען, פאַרכאַפּט די שטאָט, האָבן זיי
צוערשט זיך גענומען צו דער ייִדי־
שער באַפעלקערונג, דורכגעפירט דעם
שרעקלעכן, ביז דאַן אומפאַרגלייכ־
לעכן פּאָגראָם (ז"ז 229־253), די
לעמבערגער שחיטה, ווי ער שילדערט
אין זיין בוך:

"Der Lemberger Judenpogrom", von Joseph Bendov (Dr. Tenembaum) M. Hickel variag, Wien Brunn 1919.

וואָס איז דערשינען אין עטלעכע
שפּראַכן.

דער לעמבערגער פּאָגראָם האָט זיך
אָנגעפאַנגען דעם פרימאָרגן פון 22טן
נאָוועמבער, 1918 און אָנגעהאַלטן
דריי טעג און דריי נעכט; דער ייִדי־
שער קוואַרטאַל האָט געברענט און
דער רויך האָט פאַרדעקט די הימלען,
ווייט איבער די גרענעצן פון דער
געטאָ. ס'זענען געווען 72 טויטע, 443
פאַרוואונדעטע, אומצאָליקע פאַרגוואַל־
טיקונגען און שענדונגען — און די
לעבנגעבליבענע, קוים געראַטעוועטע,
האָבן זיך געשטיקט אינעם רויך און

קוים אויסגעהאַלטן די צעיושעטקייט
פון די כוליגאַנעס מיט זייער אַלי־
אירט געווער. „אַזעלכעס — שרייבט
ער — איז נישט געשען זינט די
כמעלניצקי־באַנדעס.

ד"ר טענענבוים גיט אַ גענויע רשי־
מה פון די קדושים, דערציילט ווי
הילפלאָז זיי זענען געווען. געשיקט
טעלעגראַמעס קיין אַמעריקע, אָבער
אין אָנהייב אָן רעזולטאַטן — ביז דער
אינטערווענץ פון פרעזידענט ווילסאָן,
איז שיעור קיין שריד ופליט נישט
געבליבן, אָבער די אַזוי גערופענע
„עקספּערטן", דעם אַמעריקאַנער אַמ־
באַסאַדאָר גיבסאָן אַריינגערעכנט,
האָבן אָט די שחיטה געמאַכט צו
קליינגעלט, ראַטנדיק דעם „שטאַט־
דעפּאַרטאַמענט", נישט צו אינטער־
ווענירן, נישט אויפצוהויבן קיין פּראָ־
טעסט קעגן די פּוילישע כוליגאַנעס.
אים האָט אויך נאָכגעפאָלגט, דער
אַסימילירטער העברי מאָרגענטוי (פאָ־
טער פון הײנטיקן העברי מאָרגענטוי),
געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר
אין טערקיי, ווען פרעזידענט וויל־
סאָן האָט אָנפאַרטרויט די מיסיע צו
אויספאָרשן די געשעענישן אין פּוילן.

אַן ערלעכער באַריכט צו דער וועלט
איז געקומען פון ענגלאַנד פון אַן ענג־
לישן ייִד, ישראל כהן, אַ ציוניסטי־
שער טוער און שרייבער, וועלכער
האָט פאַרעפנטלעכט זיין באַריכט א"נ
„עי ריפּאָרט אָן דהי פּאָגראָם אין פּאָ־
לענד, 1919". מיר קענען דאָ, פאַר־
שטייט זיך, נישט אַריינלאָזן זיך אין
דעטאַלן, וועגן יענע געשעענישן ווי
זיי ווערן איבערגעגעבן אין כהנס בוך,
דעם דעמאָלטיקן אָפּרוף אין דער פּרע־

סע, און בעיקר ווי ד״ר טענענבוים באַשרייבט מיט אַלע איינצלהייטן.

וואָס שייך זיין איצטיקן בוך, ווילן מיר דאָ נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז ד״ר טענענבוים גיט אונדז אַ פול קלאָר בילד פון גאַליציש לעבנס־שטייגער, די אַטמאָספע־רע פון גאַליציש ייִד, די גייסטיקע אַנטוויקלונגען, די עליות און ירידות, פּאַגראָמען און שחיטות, קריטישע יאָרן, דערהויבענע מאָמענטן, ביז דער גרעסטער פון אַלע חורבנות — דער היטלער־חורבן. און דאָ וועלן מיר זיך באַנוצן מיט ד״ר טענענבוימס סוף־וואָרט:

„אין דער צייט־משך פון 1922־1945 האָבן די גאַליצישע ייִדן גע־טיילט מיטן גאַנצן מעכטיקן שטאָם פונעם דריי מיליאָניקן פּוילישן ייִדנ־טום אַלע ליידן און פריידן. דעם גע־זעלשאַפטלעכן אויפשטייג, דעם קול־טורעלן הויכפּונקט און דעם שרעק־לעכן אומקום פונעם גאַנצן גרויסן ייִדישן ישוב אין פּוילן״.

ד״ר טענענבוים, נישט אַכטנדיק אויף זיין פלייס און שטודיע, זייענ־דיק נאָך גאָר יונג אַ דערפאָלגרייכער מעדיקער, איז ער שטענדיק געווען אַקטיוו סיי אין געזעלשאַפטלעכן און סיי אין ליטעראַרישן לעבן פון לאַנד. נאָך אַלס סטודענט רעדאַקטירט ער העברעישע שריפטן, אַרויסגעגעבן אין לעמבערג דעם זשורנאַל „סנונית״ (די שוואַלב) חודשלעך אין די יאָרן 1910־1912, און אַליין געשריבן אַרטיקלען, מערסטנס אונטערן פּסעוודאָנים בן־דוב — און דעריבער קען ער אַזוי גוט דאָס גאַליצישע לעבן אין אַלע זיינע שטרעמונגען.

ער פאַרענדיקט זיין הקדמה מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„דער קורצער געשיכטלעכער טייל, איז נישט מער ווי אַן אַריינפיר צו דער עפּאָכע וואָס ווערט באַשריבן פון דער אייגענער דערפאַרונג, ווי אַזוינס, איז ער נישט מער ווי אַ פּערספּעק־טיוו, אַן טאָלן, אָן בערג־שפּיצן און אָן פּרעטענציזיעס פון טיפקייט. דאָס בוך ענדיקט זיך מיט די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1918 ־ 1919. אין יאָר 1919, איז דער מחבר באַשטימט גע־וואָרן אלס דעלעגאַט צו דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז און האָט זיך באַטייליקט אין די זיצונגען און אַר־בעטן פון די ייִדישע דעלעגאַציעס צו דער פרידנס קאָנפערענץ״.

„אָבער, זאָגט ער, דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין וועגן וועלכן מ׳וועט נאָך אַמאָל באַזונדער שרייבן״.

דערוואַרטן מיר פון אָט דעם אויס־געצייכנטן מעמואַריסט אויך זיינע מעמואָרן און רעמיניסצענצן וועגן יענער תקופה אין פּאַריז, די ייִדישע פאַרהאַנדלונגען און דערגרייכונגען ביי אָט דער היסטאָרישער קאָנפע־רענץ.

מיר באַוואונדערן ד״ר טענענבוימס פּרוכפּערדיקן שאַפן אויף עטלעכע גע־ביטן אין ביידע שפּראַכן, ענגליש און ייִדיש. ווי מיר דערוויסן זיך, אַר־בעט ער איצט אויף אַ גרויס ווערק אין מעדיצין, אַ ווערק מעמואָרן, פּו־בליציסטישע און אַנדערע אַרבעטן. עס איז די טרייב־קראַפט פון שעפע־

רישן מענטש, וועלכער שרייבט מיט אַ פּאַטאָס געמישט מיט אַנאַליטישן שכל... עלעמענטן וואָס מאַכן אַ ווערק אינטערעסאַנט, לעבעדיק און האַלטן דעם לייענער געשפּאַנט... דאָס זענען מעמואַרן פון וועלכע ס'ווייעט ניי־קייט, פרישקייט און גיט אַ מעגלעכ־קייט זיך מתדבק זיין מיט פאַרגעסע־נע עפּאָכעס...

דער מחבר האָט זיך געשטעלט אין פאָדערגרונט פון מעמואַריסטן שריי־בער, אַריינברענגענדיק זיינע אייגנ־אַרטיקע מאָטיוון, זיינע אויפפאַסונ־גען און זיין אַריינבליק אינעם היי־מיש־יידישן שטעטל. עס איז אַ וויכ־טיק ווערק סיי פון היסטאָרישן און סיי פון מעמואַריסטישן שטאַנדפּונקט.

דאָס בוך איז אויך פאַרזען מיט אַ צאָל אינטערעסאַנטע בילדער, ווי ביל־דער פון די פּרעכטיקע שולן פון זשאָלקאָוו, לעמבערג, טאַרנאָפּאָל, בעלז און אַנדערע.

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע

„דאָס פּוילישע ייִדנטום"

זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**